# זוידעראויפבוי

ביולעטין פון בעסאַראַבער לאַנדסלייט פאַריין אין מאָנטעווידעאָ

כּוליאָ הערערא אי אָבעס 1122

ערשטער יאָרגאַנג. | מאָנטעווידעאָ, יוני, 1945. | נומער 1.


## די רויטע ארמיי באפרייט קעשענעוו



דאָס בילד ווייזט אונדז דעם ארײַנמארש פון דער גלאָרייכער רויטער ארמיי קיין קעשענעוו דעם 24-טן אויגוסט 1944. (דאָס בילד איז ארויסגענומען פון רוסישן זשורנאל „אָגאָניאָק").


דרוק ב. רעזניקאָוויטש, פלאָרידא 1152 - טעל. 13 61 8



# קיין בּעסאראבּער ייד

טאָר זיך ניט אָפּזאָגן פון זיין הייליקער פליכט צו העלפן זיינע לעבנגעבליבענע ברידער און שוועסטער אין דער אַלטער היים.

☆

# בּאשטייערט זיך פאַרן קאמפּיין פון 5000 $

פּראָפּאַגאַנדירט, אַז אייערע פריינט און באַקאַנטע זאָלן נאָכטאָן אייער ביישפּיל!

דאבראוווסקי (פרעזידענט)

# איך רוף אלע בעסאראבער

דער קורצער פעריאד וואס אונדזער פאריין עקזיס-טירט, איז א פעריאד פון פולער בליונג, פארשטייט זיך, אז א גאנצע ריי סיבעס האבן געווירקט אף דער פאר-שטארקטער הילפס-ארבעט, וואס אונדזער פאריין האט דורכגעפירט. ערשטנס, די פראגע פון דער געוואלטיקער נויטווענדיקייט פון שיקן הילף פאר אונדזערע ברידער; צווייטנס, דער דערוואכטער איינקייט-באוווסטזיין בא די בעסאראבער לאנדסלייט צו פירן א פאראייניקטע הילפס-ארבעט; דריטנס, דער ענערגישער אקטיוו פון אונדזער פאריין, וועלכער איז באפליגלט מיטן גייסט, צו זען צוריק אופגעריכט דאס יידישע לעבן אומעטום און אויך אין אונדזער ליבער היים בעסאראביע.

ווילן מיר זיך פארטראכטן ערנסט, וועגן דעם ערשטן קאמפיין פאר מיטגלידער, מוזן מיר מיט דער גאנצער זיכערקייט זאגן, אז מיר האבן אפגעהאלטן א גרויסן מאראלישן זיג. די גרויסע צאל איינגעשריבענע לאנדס-לייט איז א באווייז פון זייער גרויסן צוטרוי צו אונדזער לייטונג, וועלכע באווייזט מאמאשעסדיק אז זי פארדינט דעמדאזיקן מאראלישן צוטרוי.

מיר האבן בא אונדזער גרינדונג זיך באמיט אויסצו-מיידן קליינלעכע מיינונגס פארשיידנקייטן אין אנבליק פון די גרויסע אופגאבן, וואס שטייען אונדז פאר און מיר האבן אין אונדזער גרינדונגס דעקלאראציע געזאגט קלאר און דייטלעך: מיר זיינען נית קיין פאליטישער פא-ריין, מיר זיינען א פאריין וואס צילט צו פאראייניקן אלע לאנדסלייט ארום דער שטיצע פאר דער רעקאנסטרוקציע פון אונדזערע כארעווער בעסאראביע און פאר דער ווידער-אופריכטונג פון דעם יידישן לעבן דארט. און נית נאר קענען זיך אין אים אנשליסן יידן פון פארשיידענע אידעישע ריכטונגען, נאר עס איז א הייליקער פליכט דאס צו טאן. קיינער פרעגט נית בא אונדז אין פאריין קיינעם, וואס ער איז, אדער אין וואס ער גלויבט. מיר פרעגן נאר צי מען איז מאסקים צו דער הייליקער הילף, — און מער גארנית.

פירנדיק אונדזער פאריין, האבן מיר זיך געשטעלט פאר א ציל, אריבערגיין אלע קליינלעכע פאסירונגען אין דער ארבעט וואס קענען שאפן רייבונגען. מיר זעען פאר אונדזערע אויגן שטענדיק דעם גרויסן כורבן. און איצט, שוין אין אנבליק פון דער פולשטענדיקער באפרייונג פון אלע פעלקער, האבן מיר נאר אין זינען די גרויסע הילף, וואס פאדערט זיך צו שאפן.

דעריבער מאך איך א הייסן רוף צו אלע בעסאראבער, וועלכע זיינען נאך נית אנגעשלאסן אין אונדזער פאריין, זיך גלייך אנצושליסן.

אין דעם גרויסן קאמפיין פון הונדערט טויזנט פעזעס, פראקלאמירט פון אלע לאנדסמאנשאפטן, אין וועלכן מיר זיינען אנגעשלאסן, האבן מיר גענומען אף זיך די באשיידענע סומע פון 5000 פעזעס. גלויב איך, מיט דער זיכערקייט אין דעם סאלידאריטעט געפיל פון אלע לאנדס-לייט, אז מיר וועלן אויך אין דעם קאמפיין אפהאלטן א גרויסן זיג.

---

## קאמיסיאן דירעקטיווע פון פאריין



זיצן פון לינקס צו רעכטס: פרוי יודייקין, פרוי דאבראוווסקי, ה׳ סאקס, ה׳ האבראוווסקי, מ. שאַץ, ה׳ ג. פערעלמאן און פרוי גארבאטי.

שטייען: ה׳ שטערמאן, ה׳ סאבעלמאן, ה׳ זיידמאן, ה׳ גארבאטי, ה׳ יוסים, ה׳ סאנדלער, ה׳ גאלדענבערג און ה׳ שווארץ.

מ. שאַץ (סעקרעטאַר)

# טעטיקייטס-באַריכט

פאַריקן יאָר, ווען עס זיינען אָנגעקומען די ערשטע פריילעכע ידיעות פון באַפרייען בעסאַראַבער שטעט און שטעטלעך דורך דער העלדישער רויטער ארמיי, האָבן אַף אַ רוף פון אַ גרופּע בעסאַראַבער זיך פאַרזאַמלט עטלעכע צענדליק לאַנדסלייט, און נאָך אַ גרעסערע מיינונגאויסטויש זיינען אַלע געקומען צום העסקעם אַז מען מוז שאַפן אַ קערפּערשאַפט וועלכע זאָל קענען קומען צו הילף אונדזערע לעבנגעבליבענע ברידער און שוועסטער אין דער אַלטער היים.

דעם 4-טן יולי 1944 אַף אַ גרעסערער פאַרזאַמלונג פון אונדזערע לאַנדסלייט איז באַשלאָסן געוואָרן צו גרינדן דעם בעסאַראַבער לאַנדסלייט-פאַריין. מיטן אויסשליסלעכן צוועק צי שיקן הילף אונדזערע ברידער. אַ פאַריין פאַר אַלע בעסאַראַבער אָן אויסנאַם, אָן אונטערשייד. און מען האָט גלייך אויסגעוויילט אַ קאָמיסיאָן דירעקטיווע פון פאָלגנדע פערזאָנען:

פּעזידענט — כאַסע דובראָווסקי; וויצע פּרעזידענט — אי. סאַקס; סעקרעטאַר — מ. שאַץ; פּראָ סעקרעטאַר — הערשל סאַנדלער; קאַסיר — גר. שטערמאַן; פּראָ קאַסיר — איסאַק גאָרבאַטע.

וואָקאַלן: מוישע גאָלדענבערג, ראַיע גאָרבאַטע, סאָניע דובראָווסקי, גר. פּערלמאַן, לעאָן סאַבעלמאַן.

פיסקאַלן קאָמיסיע: סאַראַ יודייקין, לייב יאָסעם און ראָבערטאָ זיידמאַן.

פאַר אונדזער ערשטער אופגאַבע, דער פאַריין זאָל קענען פּראָגרעסירן האָבן מיר געדאַרפט שאַפן די באַזע. דאָס הייסט די מיטגלידערשאַפט מיט אַ מאָנאַטלעכן אָפּצאָל און מיר האָבן פּראָקלאַמירט אַ קאַמפּיין פאַר מיטגלידער.

און קעדיי צו געבן די מעגלעכקייט אַז אַלע שיכטן זאָלן קאָנען זיין מיטגלידער, האָבן מיר באַשטימט אַ פרייען אָפּצאָל. דאָס הייסט יעדער נאָך זיין מאַטעריעלע מעגלעכקייט. טיילווייז האָבן מיר אונדזער אופגאַבע דורכגעפירט. נישט קוקנדיק וואָס אונדזערע לאַנדסלייט וווינען אין פאַרשידענע טיילן פון שטאָט האָבן מיר באַוויזן צו ווערבירן איבער 200 מיטגלידער. מיר ווייסן אַז עס זיינען פאַראַן מער ווי 200 בעסאַראַבער, אָבער ווי איך האָב שוין דערמאָנט אַז אונדזערע לאַנדסלייט זיינען שטאַרק צעשפּרייט איבער דער שטאָט און מיר באַזיצן ניט זייערע אַדרעסן און אייניקע האָבן נאָך ניט פאַרשטאַנען די וויכטיקייט פון אַזאַ הייליקער ארבעט וואָס מיר פירן און וואַרטן נאָך אָפּ מיט ווערן מיטגלידער. מיר האָפן אָבער אַז מיט דער צייט באַקענענדיק זיך מיט אונדזער אַרבעט אין מיט אונדזער קאַסע-באַריכט (וועלכן מיר פאַרעפנטלעכן אַף אַ צווייטן פּלאַץ) וועלן זיי אויך ניט זיין אויסער אונדזער פאַריין, ווייל ווי אַן אויסשליסלעכער הילפס-פאַריין, איז ער אויך פאַרשטענדלעך אַן אַפּאָליטישער און יעדער איינער קען קיין טיינעס ניט האָבן אַז ער איז רעכט, צי לינק.

אונדזער ווייטערדיקע אופגאַבע איז געווען שאַפן אַ פאַרבינדונג מיט אונדזערע מיטגלידער און מיר האָבן דורכגעפירט דעם 10־טן סעפּטעמבער 1944 אונדזער אָפיציעלע פּ־אָקלאַמירונג פון פאַריין ניט אינזינענהאָבנדיק קיין מאַטעריעלן פאַרדינסט נאָר מאָראַלישן. און מיר האָבן עס דערגרייכט אַף אַלע הונדערט פּראָצענט און גלייכצייטיק געהאַט אַ געוויסן מאַטעריעלן פּראָפיט.

## פינאַנצן

אין כוידעש אויגוסט פון פ. יאָר, ווען עס איז געגנצלעך באַפרייט געוואָרן בעסאַראַביע, האָבן מיר דערקלערט אַ מין בליץ-קאַמפּיין, וועלכער האָט אונדז אַריינגעבראַכט אַ געוויסע סומע פאַרשטענדלעך, נישט קיין גרויסע (איך גיב נישט אָן די סומעס ווייל אַלע אַריינגעקומענע געלטער ווי מאָנאַטלעכער אָפּצאָל, באַשטייערונגען און פון אונטערנעמונגען וועט זיין גענוי אין אונדזער קאַסע-באַלאַנס).

פּיק-ניק: מיר האָבן אויך אַדורכגעפירט אין דעצעמבער מאָנאַט אַ פּיק-ניק מיט אַ גוטן מאָראַלישן און מאַטעריעלן דערפאָלג. מיר האָבן ריפירט אַ טישטעך וואָס איז געווען אַ געשאַנק פון אונדזער כאַשעווען קאָמיסיאָנס מיטגליד הער פּערלמאַן, וועלכער איז ריפירט געוואָרן ענדע יאָר און אַרויס מיטן נומ. 525. ליידער איז נאָך דער אייגנטימער פון דעם אויבנדערמאָנטן נומער נישט געקומען רעקלאַמירן זיין פּרעמיע, גלויבן מיר אַז באַ דער ערשטער געלעגנהייט נאָכאַמאָל עס ריפירן.

די כאָשעווע מיטגלידער באַקענענדיק זיך מיט אונדזער טעטיקייט וועלן פעסטשטעלן אַז אין אַזאַ קורצער צייט פון זעקס כאָדאָשים האָבן מיר אַדורכגעפירט אַדאַנק דעם אייניקייטס-גייסט וואָס איז פאַראַן באַ דער קאָמיסיאָן דירעקטיווע אַ מאַקסימום אַקטיוויטעט. פאַרשטייט זיך אַז מיר האָבן אויך געמאַכט פעלערן אין אונדזער אַרבעט. מען האָט זיך אָבער באַמיט די פעלערן אויסצובעסערן.

## קאַמפּיין פאַר פינף טויזנט פּעזעס

ווען ס'זיינען אָנגעקומען די פריידיקע ידיעות פון באַפרייאונג פון פאַרשידענע לענדער ווו עס האָט געוווינט אַ קאָמפּאַקטע יידישע מאַסע, האָבן זיך געשאַפן ענלעכע לאַנדסלייט־פאַריינען מיטן זעלבן ציל צו העלפן זייערע לעבנגעבליבענע ברידער, איז אַף דער איניציאַטיוו פון דער קאָאָרדינירקאָמיסיע באַ דער יידישער הילפס-באַוועגונג אין אורוגוויי געשאַפן געוואָרן די צענטראַלע פון אַלע לאַנדסמאַנשאַפטן קעדיי צו פירן צוזאַמען אַ קאַמפּיין. אָבער יעדער לאַנסמאַנשאַפט שאַפט פאַר זיין געגנט. דאָס הייסט **מיר בעסאַראַבער שאַפן בלויז פאַר בעסאַראַבער** איז דעם 25-טן יאַנואַר פּראָקלאַמירט געוואָרן דער קאַמפּיין פאַר הונדערט טויזנט פּעזעס און מיר האָבן זיך פאַרפליכטעט צו שאַפן 5.000 פּעזעס פאַר אונדזערע לעבנגעבליבענע ברידער און שוועסטער און מיט צופרידנהייט קענען מיר פעסטשטעלן אַז אונדזערע

# דאָס העלפן אופבויען דאָס כּאַרעוו געוואָרענע

## איז אַן איקערדיקע אופגאַבע פון די לאַנדסמאַנשאַפטן

פון מענדל כּייקין

בענויגייע די אויפאַנים, אין דער נייטיקייט פון דער הילפס-טעטיקייט, הערשט אין אונדזער יישעוו אַ געוויסע קאָנפוזיע.

אַ טייל יידן מיט גוטן ווילן, וועלכע פילן די נויטווענדיקייט פון העלפן צוריקבויען דאָס יידישע לעבן וועלכע דער היטלעריזם האָט אַזוי גרויזאַם פאַרניכטעט, זוכן, און זיינען שטאַרק פאַראינטערעסירט, צו שיקן טייכעף און דירעקט, הילף, אין די יישווים פון וועלכע זיי שטאַמען.

ס׳זיינען פאַראַן יידן באַ וועלכע, די הילפס-טעטיקייט איז פאַרבונדן מיט פּאָליטיק. קלאָרער געזאָגט. זיי זוכן אונטער פאַרשידענע טערוצים אויסצושליסן פון די הילפס טעטיקייטן פון אונדזער יישעוו, די יידישע יישווים וועלכע זיינען אין ראַטנפאַרבאַנד, אָדער אין די וועלכע זיינען פאַרנומען פון דער רויטער אַרמיי, ס׳איז קלאָר אַז מען קען ניט אָפּזאָגן אַ בעסאַראַבער, בוקאָווינער, אָדער ליטווישן יידן, צו שיקן הילף פאַר זיינע ברידער און שוועסטער — אין די באַפרייטע היימלענדער.

מיר די יידישע הילפס-באַוועגונג אין אורוגוויי וועלכע האָט אָפּגעשיקט הילף פאַר די אַליאירטע פעלקער, אין די הונדערטער טויזנטער פעזעס אין די יאָרן פון דער שרעקלעכסטער מילכאָמע קעגן נאַצי-פאַשיזם, ווייסן. אַז די הילף וואָס מען שיקט איז נייטיק און זי קומט אָן. און מיר האָבן די פאַרזיכערונג פון דער סאָוו. רעגירונג אַז די הילף וועלכע וועט אָפּגעשיקט ווערן וועט איבערגעגעבן ווערן דאָרטן וווהין ס׳וועט געשיקט. די אופגאַבע פון דער פאַרייניקטער צענטראַלע צוהילף די באַפרייטע געביטן און לעבנגעבליבענע יידן״ איז צו שאַפן און אָפּשיקן הילף אַהין ווו די אורוגווייער יידן ווילן שיקן. דאָס רעספּעקטירן דעם ווילן פון באַשטייערער, דערמעגלעכט אַז מיר זאָלן שיקן הילף סיי פאַר די יידן אין פראַנקרייך, אין בעלגיע, סיי פאַר די יידן אין ראַטנפאַרבאַנד, פוילן און רומעניע.

ס׳איז נאָר נויטיק צו אַרבעטן געמיינזאַם און געאייניקט, אין דער דאָזיקער הייליקער אופגאַבע, פון ווידעראופבוי און ווידעראופלעבונג. אַלע יידן אין אורוגוויי מוזן אָנטיילנעמען אין קאַמפּיין פון די הונדערט טויזנט פעזעס, ווייל די הילף איז נויטיק, און ס׳זיינען דאָ אַלע מעגלעכקייטן אָפּצושיקן דעם ערשטן טראַנספּאָרט אין יולי מאָנאַט.

ס׳איז מיר אָנגענעם צו שרייבן עפּעס פאַר די בעסאַראַבער יידן אין אורוגוויי, ווייל ווייניק יידן האָבן אַרויסגעוויזן אַזאַ ליבע צו זייער היימלאַנד ווי די בעסאַראַבער יידן.

די בעסאַראַבער לאַנדסמאַנשאַפט האָט מיטגעהאָלפן אין אַלע הילפס-אַקציעס פאַר דער רויטער אַרמיי, און האָט מיט ענטוזיאַזם און טרייקייט געטאָן אַלץ, קעדיי דער נאַציזם זאָל צעשמעטערט ווערן.

**באַם שאַפן די פאַרייניקטע צענטראַלע** איז די בעסאַראַבער לאַנדסמאַנשאַפט געווען פון די ערשטע וואָס האָבן אַרויסגעוויזן זייער אייניקייטס-געפיל, און זייערע פאָרשטייער זיינען פון די איבערגעגעבנסטע טוער אין דער צענטראַלע.

יעצט אַז מיר האַלטן ביים אָפּשיקן דעם ערשטן טראַנספּאָרט, דאַרפן די בעסאַראַבער יידן אָפּשיקן אַ גרויסן טראַנספּאָרט פאַר זייערע לעבנגעבליבענע ברידער און שוועסטער אין בעסאַראַביע, ווייל צופעליק איז אין בעסאַראַביע איבערגעבליבן אַ גרויסער טייל פון יידנטום.

איך בין זיכער אַז פונקט ווי באַ אַלע אַקציעס, וועט די אָרגאַניזאַציע פון די בעסאַראַבער יידן דעם מאָל אויך האָבן דערפאָלג. און דער ערשטער טראָט פון דער היילי-קער הילפס-באַוועגונג פאַר די לעבנגעבליבענע ברידער און שוועסטער אין די באַפרייטע געביטן וועט געגעבן ווערן מיט ענטוזיאַזם און איבערגעגעבנקייט.

בעסאַראַבער יידן! פאָרויס, פאַר ברידערלעכער הילף און אופבוי פאַר אַ פרייער און גליקלעכער בעסאַראַביע! פאַר אַ הערלעכן און בליענדיקן יידישן לעבן, פאַר אַ פרייער וועלט, אָן ראַסיזם און אַנטיסעמיטיזם.

**זאָל לעבן די באַפרייטע בעסאַראַביע!**

---

לאַנדסלייט רופן זיך גאַנץ וואַרים אָפּ. מיר האָבן שוין באַזוכט אַ גרויסע צאָל בעסאַראַבער און מיר האָפן אַז מיט דער הילף פון אונדזערע לאַנדסלייט וועלן מיר אונדזער ציל דערגרייכן.

מיר האָבן אויך באַשלאָסן אַז מיר זאָלן אויסנוצן אַלע הימכעס וואָס אונדזערע לאַנדסלייט פירן אַדורך, אונדזער שווערסטע און וויכטיקסטע אופגאַבע וואָס מיר האָבן איז זיך צו שטעלן אין פאַרבינדונג מיט אונדזער אַלטער היים. ליידער האָט זיך נאָך אונדז נישט איינגעגעבן. מיר האָפן אָבער אַז מיט דער צייט וועלן מיר אויך די שוועריקייט באַזייטיקן.

☆

מ. שוואַרץ

# די אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג און אונדזערע באַלדיקע אויפגאַבן

פון דער גרינדונגס פאַרזאַמלונג אָן ביז דער איצטיקער ערשטער, אָרדנטלעכער פאַרזאַמלונג זיינען פאָרגעקומען גרויסע היסטאָרישע געשעענישן און ענדערונגען אין דער אינטערנאַציאָנאַלער פּאַנאָראַמע. דער גאַנג פון דער מילכאָמע האָט שוין טאַקע קלאָר אָנגעצייכנט די קאָנטור: פון דעם אַלין אָנוואַקסנדיקן ענדגילטיקן זיג פון די אַליִרטע, אָבער קיינער האָט זיך ניט אונטערגענומען אָנצוצייכענען גענוי די דאַטע פון דייטשלאַנדס מאַפּאָלע. מען האָט פאָרויסגעזען אַ לענגערן ווידערשטאַנד בא יעדער דייטשער שטאָט און פּאָזיציע, און דאָס האָט נאָך מער פאַרלענגערט די לײדן פון די היטלעריסטישע קאָרבאָנעס, וועלכע געפאַנגענע און פאַרשקלאַפטע, האָבן זיי געוואַרט אַף אויסראָטונג. דאָס האָט נאָך מער פינצטערער געמאַכט די אויסזיכטלאָזע לאַגע פון די רעשטלעך יידן.

עמעס, בעסאַראַביע איז אין צווישן צום צווייטן מאָל באַפרייט געוואָרן דורך דער רויטער אַרמיי, און קימאַט אין יענע טעג, נאָך ניט וויסנדיק קלאָר די צאָל אומגעקומענע און נאָך ווייניקער וועגן דער צאָל לעבנגעבליבענע בעסאַראַבער יידן, איז בא די בעסאַראַבער לאַנדסלייט דאָהי געבוירן געוואָרן אַ הייסער ווונטש צו העלפן צוריק אויפבויען די כאָרעוו געוואָרענע ליבע בעסאַראַביע, און פון הייסן ווונטש איז אויך געבוירן געוואָרן דער בעסאַראַבער פאַריין.

אַף דער מאָנטעווידעער געזעלשאַפטלעכער אַרענע האָט זיך באַוויזן דאָן אונדזער פאַריין, באַלאָדן מיט הייסע, הייליקע הילפס-ווונטשן, מיט אַן אַקטיוון דינאַמישן אַקטיוו, אָבער אָן אַ ציל-באַוווסטן פּלאַן, דאָס הייסט, געוווסט האָט מען אַז מען דאַרף שאַפן הילף, אָבער וועלכע הילף? ווי אַזוי וועט זי דאָרטן אָנקומען? ווי אַזוי זיך ניט „פאַרטשעפּען" מיט אַנדערע הילפקאַמפּיינען אַף דער יידישער גאַס? ווי אַזוי זיך קעגנזייטיק ניט שטערן? — איז נאָך ניט קלאָר געווען.

מיר האָבן געפילט, אַז עס פעלט אַ קאָאָרדיניר קערפּערשאַפט, וואָס זאָל קאָאָרדינירן אַף אַ פּלאַנמעסיקן אופן די אַרבעט. דעריבער האָבן מיר מיט אַזוי פיל ענטוזיאַזם אויפגענומען די ניי געשאַפענע קאָאָרדיניר קאָמיסיע, וועלכע איז געווען אַ פּראָדוקט פון די ספּאָנטאַן־אויפגעקומענע לאַנדסמאַנשאַפטן. און מיט נאָך מער ענטוזיאַזם איר ערשטן פּראָקלאַמירטן קאַמפּיין פאַר הונדערט טויזנט פּעזעס פאַר די באַפרייטע געביטן, פאַר הילף און אויפבוי.

אין גאָר אַנדערע באַדינגונגען וועט פאָרקומען אונדזער ערשטע אָרדנטלעכע פאַרזאַמלונג. דאָס פאַשיסטישע דייטשלאַנד ליגט שוין אַ צעשמעטערטע. דער גרעסטער פעלקער־סוינע און גאָר באַזונדער, דער גרעסטער יידן־סוינע, דער פאַשיזם, איז צעקלאַפּט. אין יאַלטע איז געלייגט געוואָרן דער גרונטשטיין פאַר דער נייער שאָלעם־ליבנדיקער וועלט. די באַשלוסן וואָס זיינען דאָרט אָנגענומען געוואָרן, באַלויכטן דעם וועג פון די באַפרייטע פעלקער צו אַ ליכטיקער צוקונפט.

דאָס יידישע פאָלק, פאַר זיינע גרויסע לײדן, פאַר דער גרויסער צאָל קאָרבאָנעס, וואָס מיר האָבן געמוזט מיטשטייערן, איז לאָמיר האָפן, אַז צווישן אַלע פעלקער אין דער נייער שאָלעם - אָרגאַניזאַציע, וועלן מיר אויך פאַרנעמען אונדזער פאַרדינטן פּלאַץ; אַז מיר האָבן רעכט צו פאָדערן גערעכטיקייט פאַר אונדז; אונדזערע פאָדערונגען פאַר שאָדנערזאַץ, פאַר דאָס אומקערן אונדז אַלע בירגערלעכע רעכטן, דאָס צוגערויבטע פאַרמעגן; אַז דער אַנטיסעמיטיזם זאָל געשטעלט ווערן אומעטום אויסערן געזעץ, — זיינען מער ווי בארעכטיקטע פאָדערונגען.

אָבער אויב מיר האָבן פ א ר ד י נ ט און מיר דאַרפן ד ע ר ו א ר ט ן מ אָ ר א ל י ש ע און טיילווייזע מאַטעריעלע שטיצע פון די דעמאָקראַטישע פעלקער, דאַרפן מיר אָבער די הילף צוערשט פאָדערן פון זיך אַליין.

מיר זיינען ניצל געוואָרן פון אויסראָטונג, — ליגט אַף אונדז אַ גרעסערע פליכט.

די כאָרעוו געוואָרענע לענדער, שטעט, שטעטלעך וועלן צוריק אויפגעבויט ווערן. אין דער אַלגעמיינער אויפבליונג וועט זיכער אויך ווידערגעבוירן ווערן דאָס יידישע לעבן, וועלכן מיר וועלן דאַרפן העלפן. דאָס יידישע לעבן דאַרף צוריק געשאַפן ווערן אומעטום, וווּ עס איז נאָר פאַראַן זיכערקייט פאַר דעם. דאָס ראַטנפאַרבאַנדישע יידנטום און דער פּאַלעסטינער יישעוו וועלן אין דער נאָענטער צוקונפט שפּילן אַן אַנטשיידנדיקע ראָל אין די פּערספּעקטיוון פאַר אונדזער ווייטערדיקן קיעם.

אָבער מיר, בעסאַראַבער, אין דעם איצטיקן מאָמענט, שטייען פאַר אַ קאָנקרעטער אויפגאַבע, און דאָס איז, מיטהעלפן מיט אַלע מיטלען אין דער רעקאָנסטרוקציע אַרבעט פון אונדזער היים, בעסאַראַביע. דער פאַריין געפינט זיך אינמיטן פון אַ קאַמפּיין פאַר 5000 פּעזעס, וועלכע ער דאַרף צושטעלן צום ערשטן דירעקטן טראַנספּאָרט. אין דעם יאָר האָט דער פאַריין דורכגעפירט אַן אינטענסיווע אַרבעט, אָבער וועגן די אַלע פראַגן וועט זיך דאַרפן אַרויסזאָגן די פאַרזאַמלונג, וועלכע איז די העכסטע אויטאָריטעט.

זי וועט דאַרפן מיט פולן ע ר נ ס ט דיסקוטירן און אויסמיידן די אומבאַדייטנדיקע קלייניקייטן וואָס זאַמלען זיך שטענדיק אָן, אין אַ פּעריאָד פון פּראַקטבאַרער אַרבעט, וועלכע קענען אָבער אַריינברענגען צעריסנ-

איציק וויינשענקער

# ווינטער אין דאָרף

וואָרעם אין שטוב, אַזש פאַרנע. פאַרטאָג. ס'איז אָבער שפּעטער און אַ גאַנצן טאָג אויך טונקל. די פענצטער — פאַרזאָטן. פאַרשיידענע בוריאַנעס מיט ביימער אָנגעקאָוועט אַף זייערע שויבן. אַלץ אין דעם איינעם צימער: דאָ עסט מען, דאָ שלאָפט מען. אַלע פינף נעפאַשעס פון דער מישפּאָכע. דאָ נעמט אויך די מאַמע אויף די פּויערטעס — אירע ברויט-געבערנס. די מאַמע נעמט מאָסן, שניידט צו און קנאַקט אָפּן מאַשין גראָבע, מיט וואָל געבעטע בורנוזן. זיי זיצן אויסגעזעצט, ווו וועלכע עס קען און מען באַרעדט אַ וועלט. דאָ קומען אויך צום זיידן אַף וויזיט עטלעכע פּויערים כאַפּן אַ וואָרט מיטן קלוגן „מאָשולופּו"1). גייען אַוועק „פּאַטראַניעס"2) — אַ שלאַל פאַרבז און וווּנדער.

די קינדער ווילן אַ ביסל אַרויס אין דרויסן, זען וואָס סע טוט זיך פון יענער זייט וואַנט. עפּעס דאַרף דאָרט זיין פריי!

זיי האָבן אַזוי לאַנג געהויכט און געשפּיגן אַף אַ שייבל ביז ס'איז געוואָרן אַ ביסל דינער און עטוואָס דורכזיכטיק. האָבן זיי געזען אַ סאַך שוואַרצע פלעקעלעך, רירעוודיקע און אַרומהאַווענדיקע. זיי ווייסן שוין, וואָס דאָס איז. דער פעטער דאָווידל, דער מאַמעס עלטערער ברודער איז אַ ייד מיט אַ גרויס געזינדל קיין איינהאָרע. אַלץ באָכורימלעך. פינף זיינען זיי דאָרט. ווו זשע נעמט מען אַף מאַמעליגע פאַר אַלע? איז די מישפּאָכע געפאַלן אַף אַ סייכל. אָנשטאָט די מאַמע זאָל דינגען אַ מאָלדעוואַנישן פּויער מיט זיין הויזגעזינד, אַז זיי זאָלן איבערשיילן די „פּאָפּשויעס"3) וואָס האָבן דאָס יאָר אַזוי פאַרשפּעטיקט, גראָד ווען דער שניי איז אַזוי פרי געקומען, האָבן דערצו זיך אַוועקגעזעצט דער פעטער דאָווידל, די מומע לייקע און די 5 זין: דער עלצטער אַרן, 15 יאָר ביזן קלענסטן מוישע — קוים 7 יאָר. זיצן זיי, ווי „גרויסע" — אַלע מיט גראָבע וואָלענע הענטשקעס מיט צו איין און איינציקן „גראָבן" פינגער נאָר און מען פילעוועט. אַלע מאָל קומט אַריין אַן אַנדערער זיך אָנוואַרעמען די הענט. אַמאָל געלינגט עס הוכקענדיק בלויז אין זיי מיט דער פּאַרע פון מויל און אַמאָל, מוז מען, מעכילע אַריינלייגן ביידע פאַרפראָרענע הענט אין אַ קוואָרט קאַלט, נאָר וואָס פון קערנעצע אַרויסגעשלעפּט וואַסער. דער סייכל דערפון; פאַרשטייען די כעוורע ניט: פאַרפרוירענע הענט אַריינלייגן אין אייז-קאַלט וואַסער און ס'ווערט דערפון וואַרעם! און נאָך עפּעס פאַרשטייען זיי ניט, וואָס אַווראָם, דעם פעטער דאָווידלס דערקלערט: זיינען מיר אויסגעריבן אַ פּאָר לעכעלעך, ס'שטעקן אַרויס די שפּיצן בלויז פון די פינגער, איז דאָרט אַזוי קאַלט, נאָך קעלטער ווי ווען די גאַנצע האַנט איז אין דרויסן. כעווירע וואָס ווייסן שוין אַזויפיל! באַוווּנדערן דאָס די קליינע און זיינען מעקאַנע.

איז אינמיטן אַזאַ־אָ רומל הייבן אָן די 2 קינדער זיך צו בעטן: „מאַמע, לאָז אונדז אַרויס אין דרויסן! נאָר אַף איין רעגע! נאָר ביז אַף דער שוועל"!

— האָסטו דיר אין דרויסן גאָר! ס'איז אַזאַ קעלט, אַז כ'איז אַן אויוירע אַ הונט אַרויסצולאָזן — ווילן זיי גאָר אין דרויסן אַרויס! זיצט דאָרט און שפּילט אייך און מאַכט אַ שוייג! און ווייטער: איי, קינדער, קינדער! ווען איך קען אַזוי ווי איר זיצן אָפּן וואַרעמען אויוון, מען זאָל געבן עסן און איך זאָל גאָרניט דאַרפן זאָרגן! וואָס ווייסט איר נאָך פון שלעכטס? קינדער, קינדער!

די קינדער פאַרשטייען ניט פאַרוואָס די מאַמע איז זיי מעקאַנע. — אָבער זיי זעען שוין, אַז סע וועט זיי גאָרניט העלפן. בלייבט מען אָפּן אויוון און סע נודיעט און סע נודיעט.

דערפאַר איז בעסער אינאָוונט, נאָך די טעלערס צעקוועטשטע קאַרטאָפליעס מיט שמאַלץ און זיסער טיי. די מאַמע האָט אַרויסגעגעבן אַ גראָבן וואָלענעם בורנוז און די גאָיע האָט איר טייקעף באַצאָלט. דער פעטער דאָווידל האָט זיך אַהיימגענומען אַ זעקעלע פּאָפּשויען־מעל און סע וועט שוין באַ אים זיין אַף עטלעכע טעג אַף מאַמעליגע. ווען אין שטוב איז עפּעס אויסגעלייטערט און סע זיינען ווי אויסגעפּרעסט די קנייטשן אַף די פּנימער סיי באַ דער מאַמען און באַ זיידע-באָבע, טשעפּען זיך די קינדער אָן אין זיידן:

— „אַ מייסע! אַ מייסע"!

דער זיידע וועלוול רוקט זיך צו צום אויוון, צום ערשטן, גלייך ווי ניט אים מיינט מען. אין זיין צושאַרן זיך דערקענען שוין די קינדער אַז ס'איז גוט. זיי האָבן שוין דערשמעקט אַז ניט ווייניקער ווי זיי האָבן ליב צו הערן, האָט דער זיידע ליב צו דערציילן מייסעס. זיי וואַרפן אַלץ אַוועק און נעמען זיך פון אים רייסן שטיקער, און ער

1) זיידע וועלוול.
2) מייסעס.
3) מאַיס.

קייט און דעסהאַרמאָניע. פאַראייניקט, זיינען מיר אַלע מאָל שטאַרק. פאַראייניקט וועלן מיר שאַפן אַ ווירקזאַמע שטיצע.

לאַנדסלייט, איר וועט ניט טאָרן פעלן אַף דער פאַרזאַמלונג דעם 24-טן ד. מ.

קומט, זאָגט אייך אַרויס וועגן דער ביז איצטיקער אַרבעט. קלייבט אויס די נייע לייטונג, און העלפט איר רעאַליזירן אַלע וויכטיקע אויפגאַבן.

זאָל לעבן דער בעסאַראַבער פאַריין!
זאָל לעבן אונדזער באַפרייטע בעסאַראַביע!
לאַנג לעבן זאָל דאָס יידישע פאָלק!
זאָל לעבן די אומצערייסבאַרע שאָלעם־אַליאַנץ פון אַלע פעלקער פון דער וועלט!

הייבט אָן. די כעוורע מיט די פּיסלעך טערקיש צענויפגעדרייט אונטער זיך. אַף איין הענטל אונטערגעשפּאַרט, ס'קעפּל, מויל און אויגן ברייט צעעפנט. גליך ווי ניט צום פאַרלירן קיין איין קרישקעלע פון דער מייסע. און דער זיידע נעמט זיך דערציילן.

ווו נעמט ער אָן אַזויפיל? וועגן גאַזלאָנים און הײדו־קעס, שלומפּערלעך און שטיפמאַמעס; וועגן קאָזאַקן און זיין אייגענער מיליטערדינסט בא ניקאָלאַיען (דער זיידע איז געוועזן פון ערשטן „נאַבאָר"!) און וועגן רעבעס מיט ניסים. ניטאָ אַ פּיצעלע אין דעם אַלעמען, וואָס די קינדער זאָלן כאָלילע ניט גלויבן, אָדער וואָס זאָל ניט זיין פאַר זיי וואונדערלעך-שיין. און דער איקער: קימאַט אַלע מייסעס, וואָס ער דערציילט, זיינען זיך טאַקע פאַרלאָפן מיט אים אַליין!...

— אַמאָל, אַמאָל, ווען איך בין נאָך געוועזן יונג און קרעפּטיק, בין איך געוועזן אַ נעמען אין אַ וואַלד נעבן קאַמינקע.

פּלעגן זיך מאַכן פּוסטע טעג, מען זעט ניט קיין מענטשן פאַר זיך. סע קומט ניט קיינער און האָסט ניט מיט וועמען אַ וואָרט אויסצורײדן. אין אַזוינע טעג איז עפּעס, קינדערלעך, אי שלעכט אי גוט. שלעכט איז ווייל אַ מענטש קען סאָפּקאָלסאָך ניט זיין אַליין, אָן אַנדערע מענטשן, סאיז עפּעס פּריקרע. אין אַזוינע פּוסטע טעג דערפריסט זיך מיטן ערשטן אָנגעקומענעם אין וואַלד אריין ווי מיט דיין אייגענעם ברודער, און גוט איז אויך: ליגסט דיר אויסגעצויגן אַפן ווייכן גראָז, זינגסט דיר אונטער, אָדער פייפסט דיר צו אַ ניגונדל (אין אַ וואַלד מעג דאָך אַ ייד פייפן!) און דערביי פילסטו עפּעס טרויעריק-זיס, דו פאַרטראַכטסט זיך וועגן פאַרשיידענעס, וו אָ ס אַף גאָטס וועלטעלע און וועגן אַמאָליקע צייטן. אָט אַ וואַלד, אַ שטיינער. מע האַקט און מע האַקט דערפון און ס'איז אַלץ אַ גרויס, ברייט וואַלד. ווער ווייסט וויפל דוירעס ס'זיינען שוין דאָ פאַרפאָרן, זיך גענומען זייערס און אַוועק צוריק אין פאַרוואָרפענעם פּיצל דערפעלע, דאָרט אין טאָל. אַמאָל, קינדערלעך, פלעגן נאָך דאָ זיך פירן מילכאָמעס. די ווילדע טאָטערן פלעגן אַנפאַלן און אַלץ צורויבן, מיט קאָסעס און ווילעס פלעגן אַמאָל פּויערים לויפן מיט זייערע וואָיעוואָדן און זיי פאַרטרייבן. אַ כאַך מאָל פלעגט דער סוינע זיין שטאַרקער, פלעגט מען מוזן צוריק אַנטלויפן און זיך אויסבאַהאַלטן אין די דאַזיקע וועלדער.

יאָ, אין אַזוינע לאַנגע טעג אָן אַרבעט, האָט זיך צוגעשאַרט צו מיר אַן אַלטיטשקער פּויער פון קאַמינקע.

אַבי ער פלעגט נאָר דערשמעקן אַז איך בין אַליין, ניטאָ ניט קיין קוינים, ניט קיין האָלצהעקערס, פלעגט ער שוין אויסוואַקסן לעבן מיר און אָנהייבן פאַרפירן אַ שמועס.

וואָס איז געוועזן בעסערס צו טאָן? זוכט מען זיך אויס אַ קילע „פּאָיאַנע", מע שטרעקט זיךביידע אויס אַפן שמעקנדיקן גראָז און אַ ביסל שווייגט מען, שווייגן אין אַ וואַלד, קינדערלעך, איז אויך אַמאָל זייער גוט און אַ ביסל שמועסט מען. מע דערציילט זיך איינס ס'אַנדערע פאַרשיידענע איבערלעבעכצן, אייגענע און פרעמדע, בעקיצער: מייסעס!

דער אַלטער פּויער פלעגט מיר טאָמיד דערציילן אַ סאַך מייסעס נאָר דערפאַר ניט אָפּטרעטן, איך זאָל אים אויך עפּעס דערציילן.

און אַ טעזוע האָט ער געהאַט מיך צו בעטן, שטענדיק זאָל איך עפּעס דערציילן ניסים פון אונדזערע „ראַבינעס" ווי ער פלעגט זיי אָנרופן.

וואָס האָט מיך געאַרט? פלעג איך אים דערציילן אַלעמאָל עפּעס אַ נעס, אַ מויפעס פון דעם אָדער יענעם צאַדיק. דער פּויער פלעגט אויסהערן מיט מויל און אויערן אַלץ. צום סאָף מיך איבערפרעגן, ווי אַזוי דער רעבע האָט געהייסן און עפּעס אָפּזיפצן אַזוי שווער, אַז ס'פלעגט מיך אויך אַ ציפּ טאָן. פאַרוואָס ער פרעגט זיך עפּעס אַזוי נאָך און פאַרוואָס ער זיפצט אַזוי פון האַרצן, האָט מיר ניט אָנגעהייבן איינפאַלן.

מאַכט זיך איינמאָל, דערצייל איך אים די מייסע מיטן באַלשעם, ווי ער האָט אַמאָל אין אַ פרייטיק צונאַכטס נאָר און פלוצים דריי מאָל זיך צעלאַכט באַם טיש און זיינע טאַלמידים האָבן דאָס ניט פאַרשטאַנען. איר געדענקט דאָך די מייסע, קינדערלעך?

איך ענדיק אים צו דערציילן. פרעגט ער מיך, ווי זיין שטייגער איז איבער: „שי קום אי דזשיע ראַבינולו, איסטאַ"? (ווי אַזוי האָט געהייסן אָט דער רעבע?)

ווי אַזוי זאָל איך אים זאָגן? „באַלשעם"? זאָג איך אים: „סרוליאַ אי דזשיע!"

און דאָ איז עפּעס געשען אומגעריכטס:

באַם אַלטיטשקן גרויען מאָלדעוואַנישן פּויער האָבן זיך באַוויזן צוויי גרויסע קלאָרע טרערן אין די טרויעריקע אויגן און ער האָט שעפּטשנדיק עפּעס זיך דריי מאָל איבערגעציילעמט און געזאָגט:

„נו, לופּו, לאַנג לעבן זאָלסטו! אַזויפיל מייסעס האָסטו מיר דערציילט וועגן אייערע ראַבינעס, איצט וועל איך דיר דערציילן איינע"!

„הער: דאָס איז געוועזן שוין זייער, זייער לאַנג. איך אַליין געדענק שוין ניט וויפל יאָר ס'זיינען דערינען דאָ. איך בין נאָך דעמאָלט געוועזן אַ יונג באָכערל פון אַ יאָר 13-14. זעסטו, אָט דאָרט אונטערן באַרג איז דאָ אַ קוואַל מיט שטענדיק פריש-שפּרודלדיק וואַסער. זומער אין די היצן קומט מען צו אַהין פון פעלד, מע דערקוויקט זיך מיט אַ קאַלט טרונק וואַסער און מע נעמט אָן אַ פול קריגל פאַר די איבעריקע „פּראַשעוויניקעס". ווינטער, אָבער, קומט דאָס קוועלכל אויך צונויז. אַזוינע ווייסע כעווערניקעס, ווי מיר זיינען געוועזן. פונעם קוועלכל רינט אַראָפּ באַרג אַ קליין ריטשקעלע און ווינטער, ווען ס'פלעגט פאַרפרוירן ווערן דאָס דאָזיקע ריטשקעלע, פלעגן מיר אַ גאַנצע כאָפּטע יונגע כעוורע דאָרט זיך גליטשן אַפן אייז מיט ניי-אונטערגעשלאָגענע פּאָדקאָוועס — אַ מעכייע!

פון אַ צייט אָן האָט זיך געהאַט אַראָפּגעיאָוועט אין

בעסאַראַבער לאַנדסלייט! —
שליסט זיך אָן אין אייער פאַריין —
ווערט מיטגלידער !

אונדזער געגנט עפּעס אַ יידל, נאָך אַ גאַנץ יונגער, מיט אַ בערדל ווי בּאַ איך איז דער שטייגער און דאָס דאָזיקע יידל פלעגט די ערשטע צייט ביז מען האָט זיך צו אים צוגעוווינט אַרויסרופן בּאַ איטלעכן כידעש: מיט קיינעם קיין סאַך מאַגע־אומאַסע ניט געהאַט, פלעגט ער קימאַט שטענדיק אַרומגיין איבער די פעלדער, דאָ אין וואַלד, עפּעס אונטערזינגען אָדער עפּעס שעפּטשען צו זיך אַליין. אַ סאַך מאָל פלעגט מען אים טרעפן שטיין אונטער אַ בוים, מיט פעסט־פאַרמאַכטע אויגן, שטייט ער, שאָקלט זיך האַסטיק און אַף זיין פּאָנים, אַ געוווּנדעטס אַרוף צום הימל, זעט מען באַשיינפּערלעך, אַז דער מענטש איז אַ־ציינד איינגאַנצן ניטאָ הי, ערגעץ שוועבט ער אין ווייטע, ווייטע וועלטן. אין יענער צייט זעמיר נאָך געווען אָבער יונגע, נאַרישע קינדער און גאָרניט פאַרשטאַנען, פלעגן מיר אַביסל כויזעקן פון אים.

און אַ ציינד, הער, וואָס אַזאַ שוואַך יידל קען. אין דער צייט, זען מיר פלעגן זיך נאָך גליטשן דאָ ניט ווייט פון קוואַלעכל און אַלעמאָל זיך בלאָזן אין די פאַרפרוירענע הענט, קעדיי זיי צו דערוואַרעמען, פלעגט פלוצים דאָס יידל טאָן אַ קום אָן, דורכלויפן דורך אונדז אַ פאַרמוענער גלייך אונדז אַפילע ניט זעענדיק, צו צום קוואַלכל, זיך אויסטאָן און דאָרט אַהין אַריינגיין זיך אָפּטויוולען אין אייז־קאַלטן וואַסער עטלעכע מאָל און צוריק אַוועק.

דעם ערשטן טאָג זע'מיר געבליבן ווי געפּלעפּט און גאָרניט געוווּסט וואָס צו זאָגן.

שפּעטער פלעגן מיר אים שוין בקיוון יעדן טאָג אָפּוואַרטן און פאַרגאַפטע זיך צו אים צוקוקן.

אַזוי איז געווען. ער פלעגט יעדן טאָג, אין די גרעסטע פרעסט זיך אויסטאָן אַן אָדעם־נאַקעטער און זיך אָפּטויוולען אין קוועלכל.

איין טאָג, זיך דערנענטערנדיק אַהין, בין איך שיר אומגעפאַלן פאַר שרעק.

ער גייט אַרויס פון דאָרט. טוט זיך אָן די לייכטע מאַלבושים, אָבער אַף די פיס גאָרניט. ער טרעט אַ באָרוועסער איבערן אייז און פון די צאַרטע פיס קלעפּן זיך צו שטיקלעך הויט צום אייז, וו ס'בלייבן בוילעטע גרויסע בלוטפלעקן.

דעמאָלט האָב איך פאַרשטאַנען אַז פון דעם דאָזיקן יידל איז ניט מער צום לאַכן. איך האָב ניט פאַרשטאַנען, וואָס און ווער ער איז. אָבער איך האָב געפילט אַז אַף זיינעם אַ באַפעל וואָלט איך געלאָפן אין פייער אַריין.

איך האָב מיינע כאַווייירים גאָרניט דערציילט, נאָר דעם צווייטן טאָג האָב איך אים אָפּגעוואַרט און ווען איך האָב אים דערזען אַרויסקומען פון קוואַלעכל, האָב איך געטאָן אַ כאַפּ אַראָפּ פון זיך מיין פעלצל און עס געטאָן אַ שפּרייט אויס פאַר זיינע פיס.

ווען ער האָט דערזען, וואָס איך האָב געטאָן, איז ער געבליבן שטיין אַף זיין אָרט (זיך גאָרניט געאיילט אַרופצוטרעטן אַפן פעלץ!) איינגעשטעקט אין מיר זיין מיפּן בליק גלייך יוי עפּעס פון אַנדערע וועלטן. וועסט ניט זיין ברויגעז, לופו, מיר האָט זיך אויסגעוויזן אַז דאָס קוקט אַף מיר אונדזער איסום קריסטאָס און אַזוי אַרויסגערעדט:

„דערפאַר, ווייל דו האָסט אַזוי געטאָן, זאָלסטו לעבן אַ סאַך, אַ סאַך, ביז ס'וועט דיר עמיצער דערציילן עפּעס אַ מייסע וועגן מיר, סרוליאַן"! און זעסטו, מיך, לופו? איך האָב שוין פאַרלאָרן דעם כעזשבן פון די יאָרן און יוייס שוין לאַנג ניט וויפל כ'בין אַלט! כוויים נאָר, אַז כ'דאַרף שוין זייער, זייער אַלט זיין! קיין איין קינד האָב איך שוין ניט! אַלע אויסגעשטאָרבן, געבליבן נאָר אייניקלעך, שוין אויך אַלטע לייט. איך לעב ניט שלעכט, וואָס באַדאַרף אַזאַ אַלטער שאַרבן ווי איך? אָבער איך בין שוין ניט גערן אַזייפיל צו לעבן! וואָס פאַר אַ צורע האָב איך דאָ אַף דער ערד, ווען ס'שטאַרבן אַלעמאָל אַזויפיל יינגערע פון מיר!

שוין לאַנג קוק איך אַרויס צו הערן די צוגעזאָגטע מייסע. פלעג איך אַלץ אויסהערן און מיינען, עפשער וועט עס שוין זיין וועגן סרוליאַן, און ערשט היינט, טייערער לופו, זיך דערוואַרט! לאַנג לעבן זאָלסטו! אַציינד ווייס איך אַז כ'וועל זיך שוין מער קיין סאַך דאָ אונטער דער זון ניט אַרומבלאָנקען"!



מאַרשאַל מאַלינאָווסקי
באַפרייער פון בעסאַראַביע

דער זיידע האָט געענדיקט. סיי ער אַליין, סיי די קינדער זיינען געבליבן זיצן פאַרטראַכטע, מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ, פאַרפרעסטע ליפּן, פאַראַקשנטע. אַזוי גיך וועלן זיי זיך ניט עפענען.

אין שטוב איז געווען שטיל. ס'האָט זיך קוים געהערט דאָס שטילע סיפּען פון נאַפט אין לעמפל און דאָס קנאַקן פון פייער אין דער הרובע.

די מאַמע איז געזעסן און אַלץ צוגעשיט „קעפּ" פון סאָנעשניק צום קנאַקנדיקן פייער. — זי איז געזעסן אַ שטילע און מיט די גרויסע בלויע אויגן געקוקט אין די פלאַמען. זי איז געווען ערגעץ ווייט, ווייט פון דאַנעט. פונקט ווי סע זיינען עס געווען איצט די קינדער פון אַפן אויוון און דער פאַרטראַכטער זיידע וועלוול.

**זאָל לעבן די באַפרייטע בעסאַראַביע!**

# באלאנס

פון דעם 1-טן אויגוסט 1944 ביזן 1-טן יוני 1945

## האַכנאָסעס:

| | |
|---|---|
| מיטגלידס-אָפּצאָל | $ 801.30 |
| באַשטייערונגען און זאַמלונגען | $ 240.70 |
| דערעפענונג פון פאַריין | ″ 27.53 |
| פיק - ניק | ″ 377.21 |
| ריפע | ″ 73.70 |
| לונטש צוליבן פאַלן פון בערלין | ″ 20.35 |
| אַריינגעקומענע געלטער, ביזן 5-טן יוני אַפן כעשבן פון קאַמפּיין פון פינף טויזנט פעזעס | ″ 869.39 |
| צוזאַמען | $ 2.410.18 |

## הויצאָעס:

| | |
|---|---|
| דירע-געלט | $ 120.25 |
| פּראָפּאַגאַנדע | ″ 45.23 |
| ביוראָ-אויסגאַבן | ″ 42.18 |
| קאָמיסיאָן פאַר איינקאַסירן | ″ 110.68 |
| צוזאַמען | ″ 308.34 |

## אַלגעמיינער רעזומען

| | |
|---|---|
| סאַכהאַקל האַכנאָסעס | $ 2.410.18 |
| סאַכהאַקל הויצאָעס | ″ 308.34 |
| ס"ה אַקטיוו | $ 2.101.84 |

●

## דעטאַל פון אַקטיווע ווערטן

| | |
|---|---|
| באַנק פון צענטראַ קאָמערסיאַל | $ 1.900.00 |
| אינווענטאַר | ″ 112.80 |
| קאַסע - עקזיסטענץ | ″ 89.04 |
| צוזאַמען | $ 2.101.84 |

קאָמיסיאָן פיסקאַל:

ל. יוסים

ס. יודעיקין

ר. זיידמאַן

קאַסיר ג. שטערמאַן

# נעמען פון באַשטייערער

גוראָוויטש כאָסע — 50 פּעזעס

---

צו 25 פּעזעס:

זילבערמאַן כאָסע
יודטשאַק איזראַעל
בעזנאָס סאַול
האָלמאַן אַראָן
זילבערמאַן ברידער
כוסיד ב.

---

צו 20 פּעזעס:

פּיינבליט פּעליקס
כיימאָוויטש מאַוריסיאָ
סאַנקאָווסקי מאַנועל

---

צו 15 פּעזעס:

סאַנדלער ענריקע
גאָרבאַטי איסאַק
יודייקין סאַראַ
ליפּאָוועצקי כאַים
שניטקין נאַכמען
בעדער גוטמאַן
קליימאַן הערש

---

צו 10 פּעזעס:

גאָלדענבערג מוישע
סיווערידוער ענריק
אקסמאַן מוישע
רויטמאַן כאָסע
ריסמאַן כאָסע
ראָזענבערג מאַרקאָס
ליסניק כאָסע
שטיין אַדאָלף
פּיראָגאָווסקי נאַטאַן
שטערמאַן גרעגאָריאָ
פישמאַן מוישע
פּאַטערנאַסטרע איסידאָראָ
סאַקס איסאַק
בענדערסקי מײַלעך
ראָזענבערג שוסטער אווראָם
ראַווינסקי בענכאַמין
בערלאַד סאַמועל
אַן אַרגענטינער
רויטמאַן דאָוויד
דאָבראָווסקי כאָסע
זיידמאַן אַדאָלפאָ
פרידמאַן לעאָן
סויבעלמאַן לעאָן
ווינשענקער איסאַק און נונע
וואַסערמאַן שמיל
יוסים לייב

---

צו 5 פּעזעס:

שאַץ מאַנועל
שעכטער הערש
בעדער מוישע
ברויטמאַן מאַרקוס
גרינבערג לייזער
שאַפּיראָ גרעגאָריאָ
לאַנטצמאַן כאָרכע
באַום לעאָן
גלייזער ניני
באַראַץ כאָסע
קאַפּעלמאַכער כאַקאָבאָ
שולימאָוויטש איסאַק
ראַבינאָוויטש זאַלמען
מיריאַם עלבערט דע קאָהן
גאָלצמאַן מוישע
וויסלייב כאָסע
פוטערמאַן געדאַליע
ראַזנער מוישע
קאָטליאַר דע לעווקאָוויטש סימע
מאָשקאָוויטש נאָכעם
טאַרטאַצקי בערל
שוואַרץ מײַלעך
לינדוועדג אַרן
נודעלמאַן דע קאָהן ראָזע
רויטמאַן פּאַולאָ
סליפּאַק לייב
אַווערבוך כאַים
שוואַרץ יוסעף
ליפּאָוועצקי דאָוויד
בראַנבערג הערש
לעדערמאַן מאַטיאַס
דאַווידאָוויטש סאָפיאַ
מילעס מאַרקאָס
ברויטמאַן טאָביאַס
גרייזערמאַן זעליק
אקערמאַן
קולימניק מ.
גוטערמאַן שיינדל
באַרג כאַקאָבאָ
פישמאַן איסאַק
רויזען כיימע
בעקערמאַן
שוואַרצמאַן באָריס
ראַזגע העניע
רויטמאַן (זון)
עלבערש עליסע
גורפינקעל איסאַק
טאָקמאַן סאַבינא
גאַלישעצקי שיקע
באָקסענבאַום
שקאָלניק פּאָליאַ
גאַלאַטשין עלענע
פּאָרטאַטשניק סאַמועל
צוויק כאָסע
ריס סימאָן
קריימער אַראָן
בורשטיין אַווראָם
מייזעל מענדעל
קושניר חנה
ספּעקטאָר כאַים
קונדעלסקי כאָסע
מאַזור כאַקאָבאָ
ראַבינאָוויטש הערש
קליימאַן כאַקאָבאָ
טשערנא כוליא
זיידמאַן ראָבערטאָ
זעלצגענדלער
קושניר סימאָן
גרויסמאַן אַלפרעדאָ
גראָסמאַן כאָסע
קאָפּעלמאַכער עלעק
קאָגאַן כאָסע
ליסניק מוישע

---

נאָטע: די נעמען וואָס זיינען דאָ ניט ריכטיק אָנגעגעבן אָדער אינגאַנצן אַרויסגעפאַלן וועלן אַריינקומען אין צווייטן נומ. פון אונדזער ביולעטין, וואָס וועט דערשיינען צום יאָרטאָג פון בעסאַראַביעס באַפרייאונג.

## בליץ-זאַמלונג פאַר די געליטענע פון דער מילכאָמע אין בעסאַראַביע, ווען די רויטע אַרמיי האָט פולשטענדיק זי באַפרייט

צו 20 פעזעס: — הערשל סאַנדלער.

צו 10 פעזעס: — פ. פיינבליט, י. יוטשאַק, י. ני-רענבערג, ס. יודייקין, כ. דובראָווסקי.

צו 5 פעזעס: — ב. ראַוויטסקי, פ. ראָזענבערג, כ. ליסניק, מ. ליסניק, כ. גראָסמאַן, ס. בעזנאָס, מ. כיימאָ-וויטש, בראָמבערג, נודעלמאַן דע קאָן, א. בורשטיין, ב. כוסיד, מ. גאָלדענבערג.

צו 3 פעזעס: — כאָסע צוויק, ד. נודעלמאַן.

צו 2 פעזעס: — כ. ליפּאָוועצקי, מ. פורמאַן, י. בארג, מ. מעלמאַן, א. ציגעלמאַן, באָנדער, נ. שניטקין, ראַבינאָוויטש, איסאַק גורפינקעל.

צו 1 פעזע: — מ. דרעסלער, קלאַרא באָנדער דע בראַם, ב. מאַרטאַצקי, י. פליישמאַן, לעבטמאַן.

### זאַמלונגען אַף בעסאַראַבער סימכעס

**פאַמיליע שניטקין** — געזאַמלט $ 40.50
דער באַל-סימכע האָט זיך אַליין באַשטייערט מיט 25 פעזעס, געזאַמלט דורך פריינט סאַקס.

**פאַמיליע קאַפּעלמאַכער** — געזאַמלט $ 6
דורך די פריינט סאַנדלער און פרוי גאָרבאַטי.

**פאַמיליע קאַסיקאַ** — געזאַמלט $ 13.30
דורך די פריינט יוסים, סאָבעלמאַן און פרוי יודייקין.

**פאַמיליע דאַבראַווסקי** — געזאַמלט $ 27.06
דורך די פריינט גאָרבאַטי און יוסים.

**פאַמיליע מאָדעלים** — געזאַמלט $ 10.43
דורכן פריינט סאָבעלמאַן.

**פאַמיליע קאַפּלאַן** — געזאַמלט $ 10.09
דורכן פריינט סאָבעלמאַן.

**פאַמיליע אָקסמאַן** — געזאַמלט $ 8.70
דורך די פריינט יוסים און פרוי דובראָווסקי

**פאַמיליע פערעלמאַן** — געזאַמלט $ 4.61
דורכן פריינט סאָבעלמאַן.

די קאָמיסיאָן דאַנקט אַלע באַשטייערער און די זאַמלער און בעט אַלע בעסאַראַבער, אַף אַלע סימכעס זיך דערמאָנען אין דער נויט פון אונדזערע ברידער און שוועסטער אין דער אַלטער היים און דורכפירן ענלעכע זאַמלונגען.

### פּריוואַטע באַשטייערונגען

**פריינט סלאָווים** (פאַר בענקלער) — — — $ 20
**פריינט יוטשאַק** — — — — — — — — $ 3
**פריינט כוסיד** — — — — — — — — $ 1

## די פייערונג פון פאַרנעמען בערלין



הערנדיק די פריידיקע ידיע, אַז די רויטע אַרמיי האָט פאַרנומען בערלין, האָט די קאָמיסיאָן דירעקטיווע פון פאַריין גלייך באַשטימט און דורכגעפירט א לונטש אין איינעם לאָקאַל, דעם 6-טן מאַי, וו עס איז זיך צוזאַ-מענגעקומען א גרויסע צאָל מיטגלידער און באַ אַן ענטו-זיאַסטישער שטימונג פאַרבראַכט ביז שפּעט אינאָוונט.

אַפן בילד קען מען זען א טייל פון די אָנוועזנדיקע אַפן לונטש.

אי. סאַקס

# עסטערל פאָרט אהיים

זיבן יאָר איז עס דעמלט אַלט געווען, דאָס שיינע בלאָנדע מיידעלע, ווען איך האָב צוריק מיט 15 יאָר פאַרלאָזט מיין שטאָט, סאָראָקע. שלעכט איז געווען צו לעבן אונטער דער באַרבאַרישער הערשאַפט פון די רומענער און געפילט האָבן מיר אַז עס רוקן זיך אָן נאָך ערגערע צייטן און פיל פון אונדז האָבן געטאָן אַלדאָס מעגלעכע אַף צו ראַטעווען זיך. אַוועק איז מען ווייט איבער יאַמים קעדיי פאָטער צו ווערן פון דעם אומדערטרעגלעכן לעבן, אָבער די קליינע עסטערל מיט איר אַלטער מאַמען האָבן מיר דאָרט געלאָזט. און אַוועק איז אַ יאָר און צוויי און דריי און אַריבער אַ צענדליק און צו די רומענישע באַנדיטן זיינען נאָך צוגעקומען די ברוינע מערדער און נאָר אַדאַנק דער רויטער אַרמיי האָט זיך איינגעגעבן עסטערלען מיט איר אַלטער מאַמען צו אַנטלויפן אין ראַטנפאַרבאַנדישן הינטערלאַנד און אַזוי אַרום זיך צו ראַטעווען.

געשטאַרקט פון צאָרעס, האָט די יונגע עסטערל אַלץ איבערגעטראָגן אָבער די אַלטע מאַמע האָט ניט געקענט אויסהאַלטן אַזויפיל שווערע מאַטערניש אַף די לאַנגע, פיינפולע וועגן און איז געשטאָרבן. נישט איין מאָל האָבן מיר דאָ כאַראָטע געהאַט אַף דער אַוולע וואָס מיר זיינען באַגאַנגען קעגן דעם קינד מיט דער אַלטער מאַמען. אָבער צו שפעט האָבן מיר זיך אַרומגעקוקט אַז מיר האָבן ווייניק געטאָן אַף צו ראַטעווען אונדזערע שוועסטערלעך מיט די אַלטע מאַמעס. און איצט שרייבט עסטערל צו איר ברודער קיין מאָנטעווידעאָ: „איך פאָר אַהיים. אַדאַנק דער רויטער אַרמיי איז אונדזער בעסאַראַביע ווידער פריי.

עמעס, מיר האָבן צו אַ גרויסן פרייז באַצאָלט. אונדזער שטאָט אַליין סאָראָקע, האָט געקאָסט צען טויזנט מענטשן און אַלץ איז רואינירט. די טויטע קענען מיר טאַקע ניט לעבעדיק מאַכן, אָבער די שטאָט וועלן מיר ווידער אויפבויען".

און איצט שטעלט זיך די פראַגע, צי קענען מיר לאָזן נאָכאַמאָל די יונגע עסטערל אַליין נאָך אַזויפיל ליידן, אָן שיך, אָן קליידער און אָן אַ דאַך איבערן קאָפ? יעדער פון אונדז דאַרף טאָן אַלץ מעגלעכע קעדיי צו העלפן אונדזערע לעבנגעבליבענע שוועסטער און ברידער מיט וועש און קליידער און אויך צו דעם ווידעראויפבוי פון אונדזערע אַלטע היימען, וואָס זיינען אַלעמען אַזוי טייער. נאָר אַזוי אַרום וועלן מיר קענען זאָגן מיט שטאָלץ אַז מיר האָבן אויך צוגעטראָגן אונדזער כיילעק צום אויפבוי פון אַ שיינער און אַף שטענדיק שוין באַפרייטער בעסאַראַביע.

# א רוף צו די בעסאראבער יידישע פרויען

איך נוץ אויס די געלעגנהייט זיך דורכצוריידן אַביסל מיט אונדזערע בעסאַראַבער פרויען.

ווי איר ווייסט האָט דער בעסאַראַבער לאַנדסלייט-פאַריין פראָקלאַמירט אַ קאַמפיין פון פינף טויזנט פעזעס פאַר די פון אונדזערע אייגענע וואָס זיינען געבליבן לעבן אין בעסאַראַביע.

דער בלוטיקער סוינע פון אונדזער פאָלק האָט געשווירן אונדז אומצוברענגען, מאַכן בעסאַראַביע „ריין פון יידן". אָבער עס איז אים ניט געלונגען צו פאַרווירקלעכן זיין וויסטן ציל. ער האָט אונדז געקענט דערנידעריקן רייסנדיק יידישע בערד, שענדנדיק און פאַרברענענדיק יידישע טעכטער. זיי האָבן אונדז צעבלוטיקט, געפייניקט אָבער ניט אומגעבראַכט. טויזנטער פון אונדזערע עלטערן, ברידער, שוועסטער און קינדער קערן זיך צוריק אַהיים קיין בעסאַראַביע. אָבער וואָס טרעפן זיי דאָרט? צערויבטע און פאַרברענטע הייזער. זיי קערן זיך אום באָרוועסע, נאַקעטע, הונגעריקע און קראַנקע; זיי רופן אונדז, בעטן בא אונדז וואָס גיכער הילף. און קעדיי עס זאָל נישט זיין פאַר אַסאַך פון זיי צו שפעט דאַרפן מיר זיי טאַקע וואָס גיכער ענטפערן אַף זייער רוף. זיי שיקן קליידער, מעדיקאַמענטן און עסנוואַרג. מיר טאָרן אין זיי ניט פאַרגעסן אַף קיין איין מאָמענט: ווען מיר זיצן בא אונדזערע טישן מיט אונדזערע מענער און קינדער דאַרפן מיר זיך דערמאָנען אין די טויזנטער אַלמאָנעס און יעסוימים. זיי רופן צו אונדז און בעטן אונדזער הילף. אַף יעדער סימכע ווו נאָר ערגעץ מיר געפינען זיך, דאַרפן מיר דערפילן אונדזער כויוו און פאַר זיי עפעס זאַמלען. מיר מוזן געדענקען אַז אונדזער היים איז צעשמעטערט געוואָרן פון בלוטיקן סוינע און מיר מוזן זיי העלפן ווידעראויפבויען.

ליבע פרויען! איך בין זיכער אַז דאָס וואָס איך שרייב ווייסט איר און פילט אַליין. איך גלויב אַז איר שאַצט אָפ וואָס פאַר אַ וויכטיקע אַרבעט מיר האָבן זיך אונטערגענומען צו טאָן, העלפנדיק אונדזערע אייגענע פון יענער זייט יאַם. מיר דאָ אין דעם ווייטן אורוגוויי טאָרן אין זיי נישט פאַרגעסן. קיין איין בעסאַראַבער פרוי טאָר ניט בלייבן פון דער ווייטנס ניט בייטראָגנדיק איר הילף. ס'איז אַלעמענס כויוו סיי די פון מאָנטעווידעאָ, סיי די וואָס וווינען אין דער פראָווינץ.

און איצט ווען ס'איז געקומען דער אַזוי לאַנג דערוואַרטעטער מאָמענט פון שאָלעם, דאַרף זיך יעדער פרוי

---

**זאָל לעבן די באַפרייטע בעסאַראַביע!**

# דער בעסאראבער פאריין

## אפן וועג פון ווערן א מוסטער פון א הילפס-אינסטיטוציע

ניט איין מאל האבן אונדז באוואונדערט סיי אונדזערע לאנדסלייט, ווי אויך אונדזערע ניט בעסאראבער פריינט פאר אונדזער אקטיוויטעט און פאר דער איבערגעגעבנקייט פון די אקטיוויסטן וועלכע האבן אדורכגעפירט דערפאלגרייכע אונטערנעמונגען, וועלכע האבן געהאט א מאראלישן און מאטעריעלן דערפאלג. דאס אלץ איז א דאנק דער איינהייטלעכער איינשטימיקייט און שטרענגער אומפארטעיִשקייט פון דער פארוואלטונג, ווו עס ארבעטן צוזאמען מענטשן פון פארשיידענע ריכטונגען, וועלכע האבן אבער איינע און די זעלבע צילן: העלפן אונדזערע לעבנגעבליבענע ברידער פון דער אלטער היים.

מיר האבן זיך צוזאמענגענומען א גרופע בעסאראבער, וועלכע האבן פארשטאנען, אז מיר טארן ניט בלייבן גלייכגילטיק צו דעם וואס קומט פאר אף דער וועלט. עס זיינען געשעעניש וואס רירן אן אלעמען. עס איז א קריג ארופגעצוואונגען געווארן אף די דעמאקראטישע לענדער דורך דעם דייטשישן נאציזם, וועלכער האט זיך געשטעלט פאר א ציל צו פארשקלאפן די גאנצע מענטשהייט און אפן ערשטן ארט, אונדזער יידיש פאלק, וועלכעס האט געזאלט אומגעבראכט ווערן, ווו אין א גרויסער מאס האבן עס די נאציס באוויזן דורכצופירן. עס זיינען אומגעבראכט געווארן מיליאנען פון אונדזערע ברידער. די אומגעבראכטע זיינען ניט געווען קיין מענטשן וואס האבן געהערט צו א באשטימטער ריכטונג. מ'האט זיי דערמארדעט, ווייל זיי האבן געטראגן דעם נאמען ייד.

און צווישן די מיליאנען קארבאנעס האבן מיר, בעסאראבער יידן, אויך א גרויסן כיילעק. עס זיינען אומגעבראכט געווארן אין די טרויעריק - באריִמטע קאנצענטראציע לאגערן פון טראנסניסטריע א גרויסע טייל פון אונדזערע מישפאכעס. מיר האבן איצט אבער א גרויסע טייל געראטעוועטע פון אונדזערע ברידער, וועלכע ווארטן אף אונדזער הילף. אט צוליב דעם געזאגטן, ארבעטן מיר אלע צוזאמען און האבן אלע דעם זעלבן באגער. אנהייבנדיק פון אונדזער פרעזידענט ביזן קאמיסיאנס מיטגליד וועלכער פארנעמט ניט קיין שום אמט, נאר איז א סאלדאט וועלכער שטייט אפן פאסטן און היט אף דעם פאריין. היט אף יעדן סענט און זוכט נאר ווי אזוי אריינצוברענגען וואכ מער הילף פאר אונדזערע ברידער פון דער אלטער היים. דאס קענען אלע פעסטשטעלן פון אונדזער קאסע באריכט, וועלכער איז פארעפנטלעכט אין דעם זעלבן ביולעטין.

דאס איז א מוסטער פון א הילפס-אינסטיטוציע, וועלכע פירט איצט א קאמפיין פאר 5 טויזנט פעזעס, וועלכער וועט זיכער האבן דעם זעלבן דערפאלג, וואס עס האבן אלע אונדזערע אונטערנעמונגען ביז איצט. אבער דערצו מוזן מיר האבן די שטיצע פון אלע בעסאראבער יידן פון מאנטעווידעא. און דאס בעטן מיר און האפן צו באקומען.

**הערשל סאנדלער**

# פיל פון אונדזערע ברידער קערן זיך אום אהיים...

מאכנדיק אן אלגעמיינעם סאכאקל פון דער הילפסארבעט פון בעסאראבער לאנדסלייט פאריין, וואס איז פון גרויסער באדייטונג סיי פאר די אקטיוויסטן און סיי פאר די מיטגלידער, האלטן מיר פאר נייטיק אויך צו מאכן א רוף וועגן אונדזער פראקלאמירטן קאמפיין פון פינף טויזנט פעזעס.

דער בלוטיקער סוינע פון דער גארער וועלט איז איבערגעפאלן אונדזער בעסאראביע, האט צעשמעטערט אונדזערע היימען, אומגעבראכט טויזנטער ברידער און שוועסטער, אויסגעהארגעט טויזנטער קינדער.

אבער פיל פון אונדזערע ברידער קערן זיך אום אהיים אין דער באפרייטער בעסאראביע. זיי נייטיקן זיך אין אונדזער הילף. די רומענער האבן אין אונדזערע ברידער נעקאמע גענומען פאר זייערע דורכפאלן און מאפאלעס. זיי האבן אונדזערע ברידער געפאנגען און געפייניקט.

עס טראגן זיך די געשרייען פון יענער זייט יאם צו אונדז פון אונדזערע לעבנגעבליבענע ברידער און שוועסטער: ראטעוועט! ראטעוועט, וואס שנעלער!

מיר דא, די בעסאראבער, וואס טוען מיר? וואס איז אונדזער ענטפער? יעדער איינער דארף וויסן, אז מיר האבן נאך דארט ברידער און שוועסטער אדער עלטערן.

יעדער איינער דארף דערפילן דעם כויוו צו די טויזנטער, וואס קערן זיך צוריק קיין בעסאראביע און קוקן ארויס אף אונדזער סאלידאריטעט און הילף.

יעדער בעסאראבער ייד דארף העלפן לויטן מאקסימום פון זיינע מעגלעכקייטן, און די וואס האבן נאך ניט געגעבן, דארפן זיך וואס שנעלער באשטייערן. דעמאלט וועט יעדער איינער קענען זאגן: איך האב געארבעט פאר דעם ראטעווען פון מיינע ברידער!

**איסאק גארבאטע**

---

טאן א פרעג: „וואס האב איך געטאן פארן ווידעראופבוי פון זייער כארעוו לעבן?"

אונדזער וויינען און קלאגן זיינען ניט גענוג. מיר טארן ניט בלייבן נאר דערביי. איין זאך דארפן מיר טאן: זיי שיקן הילף, הילף און הילף! מיר אלע בעסאראבער פרויען, דארפן זיי ענטפערן:

„מיר זיינען מיט אייך! מיר זיינען מיט אלע לעבנגעבליבענע, וואס פארדינען מיט זייערע קארבאנעס א פריי לעבן, פאר וועלכן זיי האבן אזוי בלוטיק געקעמפט! מיר מוזן זיי אויסשטרעקן אונדזער האנט מיט דער הילף ווינציקסטנס פין 5.000 פעזעס. **ראיע גארבאטע**

מ. שוואַרץ

# דערינערונגען וועגן אונדזער בעסאַראַביע

ס'איז געווען אין יענער צייט, ווען דער אָקופּאַנטישער „רומען” האָט אומזיכער באַלעבאַטעוועט איבער דער פאַרכאַפּטער ערד, וואָס האָט געקרעכצט אונטער זיין ווילקירלעכער הערשאַפט.

דאָך איז זייער טעראָר רעזשים שוין גאָרנישט געווען אַזוי פעסט. ס'איז געגנוג געווען, אַז אַ יוגנטלעכער זאָל אין בולוואַר שפּאַצירן מיט אַ בוך אונטערן אָרעם, אַז די הערשער זאָלן אין דעם זען אַ געפאַר פאַר זייער רעזשים... ווער שמועסט נאָך, אַז אַ יוגנטלעכער האָט זיך אויסגעפּוצט מיט אַ רויטן קראַוואַט, אָדער אַ מיידל האָט זיך פאַרוואָלט אָנטאָן אַ רויטע בלוזע, איז דאָס שוין געווען אַן עמעסער שטאַטסקלאַפּ... זיי האָבן זיך אַפילע געשראָקן פאַר צו רויט־געשמירטע ליפּן... יעדער העכערער קלאַפּ, אָדער געשריי האָט זיי געמאַכט אופציטערן, אַפּאָנים, אַז זיי האָבן גוט געוווסט, סאַראַ אָנגעליגטע געסט זיי זיינען אין אונדזער לאַנד.

אָבער ווי טרויעריק עס איז ניט געווען זייער הערשאַפט, ווי ביטער זיי האָבן ניט געוואָלט מאַכן דאָס לעבן פון פאָלק און נאָכמער, דעם בעסאַראַבער יידן, איז דאָך פונדעסטוועגן געווען פּלאַץ פאַר הומאָר, פאַרן גוטן וויץ, וועלכער האָט אָפּגעכויזעקט פון די נייע באַלעבאַטים מיט די שפּיציקע האָמענטאַשן־היטלען...

אַז מען דערמאָנט זיך פון דער רומענישער עפּאָכע, שווימט, פאַרשטייט זיך, אַרויס די איבערגעוואַלטיקע רומאַניזאַציע, און עקסצעסן, אַ פּאָגראָם אַמאָל, ס'איז אָבער געווען בלויז איינצלנע עפּיזאָדן פון אַ גאַנצן לעבן. מהאָט געליטן און געקעמפט, געהאָפט אויף בעסערע צייטן, געהאָפט אַז „די ברידער” וועלן קומען...

טראַכט מען אָבער וועגן דער נאַצישער דאָמינאַציע, שווימט אַרויס איין געדאַנק: טאָטאַלער טויט!...

דעריבער פאַרגלייכנדיק די רומענישע עפּאָכע מיט דער דייטשישער, איז די ערשטע שיר ניט אַ זיס מאַיסעלע פון טויזנט און איין נאַכט. און דעריבער טאַקע האָט זיך מיר דערמאָנט אַן עפּיזאָד, וואָס לאַנגע יאָרן שפּעטער נאָך דעם, וואָס ער איז פאָרגעקומען, פלעגן מיר נאָך לאַכן בעייסן זיך דערמאָנען אין אים.

דער „רומען” האָט דאַן געוווסט בלויז פון כאַבאַר. אין דעם זיינען זיי געווען פּיפּיקער פאַרן „דאָמנעזעאָו” אַליין... אָבער אין די מינהאָגים פון די יידישע יאָמים־טויווים האָט מען בא די טשינאָווניקעס ניט געפּאָדערט זיי זאָלן זיך גריבלען. די בעסאַראַבער יידן האָבן ליב געהאַט די פאָלקס־יאָמטויווים, מען האָט זיי געפּראַוועט מיט ברייטקייט, מיט פאַרנעם, נאָך מער ווי אין פּאָסעק שטייט...

ס'איז געווען לאַג־באָוימער די יידישע יוגנט האָט נאָך דאַן ניט געכאָלעמט מיט ק יי ן „בעסאַראַביע יידן־ריין” און אַוואַדע ניט מיט קיין טרעמבלינקעס. מיט צעשטראַלטער פרייד איז די יוגנט ווי שטענדיק אַרויס אין גאַס מעקאַבל פּאָנים זיין דעם שיינעם יאָנטעוו, וואָס האָט מיט זיך געבראַנגט אַזויפיל פרייד. די גאַסן זיינען פאַרטויבט געוואָרן פון אַ קנאַלעריי פון קינדערשע „ביקסלעך” און בלעכענע פּיסטאָלעטן, וואָס שיסן מיט פּאַפּירענע פּאַטראָנעס. פּלוצים האָבן די גאַסן אויפגעשוידערט פון געלויף פון באַוואָפנטע, און פולער אויסשטאַטונג סאָלדאַטן. עס האָט זיך צעקלונגען אַ מיליטערישער אַלאַרם איבערן שטאָט.

די „העלדישע” דעראָבערער האָבן דעם קינדערישן ביקסל־קנאַלעריי אויפגענומען, ווי אַן אָנגריף איבערן דניעסטער פון די באָלשעוויקעס...

דאָס דאָזיקע וואָרט האָט בא זיי אַרויסגערופן אַזאַ פּאַניק. אין דעם טומל און געלויף האָט מען זיך נישט געקענט אָפּגעבן כעזשבן, צי לויפן זיי זיך פאַרטיידיקן, אָבער זיי מאַכן דאָס פּליטע און וויסן ניט דורך וואַנען...

שפּעטער ווען ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס האָט „טעשאָסן” די קינדערשע לאַג־באָוימער אַרטילעריע... האָבן זיי מיט פאַרדרוס, צום באַלאַגערונגס געזעץ, צוגעשטוקעוועט נאָך איינעם: אַלע קינדער וועט פאַרבאָטן צו שפּילן זיך מיט פייער...

נאָר ס'האָט געהאָלפן, ווי אַ טויטן באַנקעס. אין די ווייסע פּראָסטיקע און אין די ב ל ו י ע זומערדיקע נעכט האָבן בעוורע צעבלאָזן דאָס פייער, וואָס האָט געפלאַמט פון זייער הייסן האַרצן אַרויס. זיי האָבן געקענט אַראָפּרייסן דאָכ רויטע בלימל פון לאַץ. זיי האָבן אַראָפּגעריסן אַ רייטן קראַוואַט. זיי האָבן אַפילע אין זייערע טאָרטור־קאַמערן געקענט אויסקלאַפּן די ציין פון מויל. אָבער זיי האָבן קיינמאָל ניט געקענט פאַרלעשן דאָס פייער צו פרייהייט אין האַרצן...

און אַפילע איצט נאָכדעם, ווי דער סאַמע שרעקלעכסטער הוראַקאַן האָט זיך דורכגעטראָגן דורך אונדזערע פרעכטיקע פעלדער און וויינגערטנער, זייענדיק טויט און כורבן, אַפילע נאָכדעם ווי פון די נאַצישע גאָרגלען האָט זיך געריסן זייער פריידיקער געשריי „בעסאַראַביע יידן־ריין” — האָבן מיר ניט געגלויבט, אַז די שטאָלצע בעסאַראַבער יוגנט האָט זיך אַזוי לייכט געלאָזט אומברענגען. האָבן מיר געוווסט, אַז בעסאַראַביע וועט בלייבן „נאַציריין”, אַז יידן וועלן בלייבן און וועלן ווייטער שפּינען דעם גאָלדענעם פאָדעם פון אונדזער מאַרטירער־געשיכטע און ווייטער מיטמאַכן דעם געראַנגל פון דער מענטשהייט פאַר אַ שענערן מאָרגן.

די האָפענונג, אַז „די ברידער” וועלן קומען, איז שוין מער ניט קיין פאָלקס־טרוים.

זיי זיינען שוין דאָ און מיט זיי זיינען צוריקגעקומען אונדזערע ברידער און שוועסטער. זיי אַנטקעגן זיינען אַרויס אונדזערע אייגענע פּאַרטיזאַנען. פון די ווייטע ריזיקע ווינקלען פון מעכטיקן ראַטנפאַרבאַנד זיינען שוין צוריק אַרויסגעפאָרן אַהיים אונדזערע געראַטעוועטע. זיי זיינען אונדזערע אַלעמענס טאַטעס, מאַמעס און ברידער.

לאָמיר זיי אַנטקעגן גיין! לאָמיר זיי אויסשטרעקן אונדזער ברידערלעכע הילפסהאַנט און זיי העלפן אופבויען זייערע היימען אין דעם באַפרייטן, שוין אויף אייביק, גליקלעכן לאַנד!

---

# די טעטיקייט פון אונדזער פאריין

אונדזער פאריין איז טעטיק בא יעדער אונטערנעמונג. פיל פון אונדזערע בעסאראבער וועלכע זיינען מיטגלידער און וועלכע זיינען נאר אביסל באקאנט מיט אונדזער ארבעט, ווייסן דעם ווערט פון דער דאזיקער ארבעט. אבער קעדיי באקאנט צו מאכן אלע די בעסאראבער, וועלכע זיינען נאך קיין מיטגלידער ניט האט אונדזער פאריין פארשטאנען אז עס מוז ארויסגעגעבן ווערן אזא מין ביולעטין, קעדיי די גאנצע בעסאראבער לאנדסמאנשאפט פון אורוגוויי זאלן זיך באקענען מיט אונדזער טעטיקייט און די אופגאבן פון אונדזער פאריין אלס הילפס-געזעלשאפט פון בעסאראבער און פאר בעסאראבער.

ווי אזוי האט אונדזער פאריין זיך געגרינדעט, איז נאך ניט יעדן באוווסט און דערפאר טאקע וויל איך זיך אביסל צייט נעמען און געבן א פולע דערקלערונג אונדזערע בעסאראבער פון דעם אנפאנג אן וועגן דער גרויסער אונטערנעמונג פון אונדזערע טיכטיקע געזעלשאפטלעבע טוער.

ווייטער וועט איר זיך אויך באקענען מיט זייערע נעמען.

א גרופע פון א קליינער צאל בעסאראבער צוזאמען מיט בוקאווינער האבן צווישן זיך באשלאסן דינגען דעם סאלאן פון פאלאסיא סאלוואַ דורכצופירן א באילע.

ווי עס איז באוווסט, האט די באילע געהאט דעם גרעסטן ד ע ר פ א ל ג. אף דעם בעסאראבער טייל האט אויסגעמאכט 456 פעזעס. איינזעענדיק אז ווען מען שאפט א בעסאראבער פאריין און מען פארגרעסערט דעם אקטיוו צו מאכן מיטגלידער וואלט אזעלכער פיל געקענט אופטאן. מען איז צ ו ג ע ט ר א ט ן צו ד ע ר ארבעט. געריפן א פארזאמלונג פון בעסאראבער און עס האט זיך געגרינדעט א לעגאלער פאריין דורך דער פארזאמלונג.

דאס געלט וואס די גרופע האט פארמאגט פון דער באילע האט מען באשלאסן איבערגעבן דעם קאארדינירקאמיטעט פארן קאמפיין פון זיג. 100 פאר שיך פאר דער גלארייכער רויטער ארמיי אלס דאנקבארקייט פאר דער באפרייאונג פון אונדזער אלטער היים בעסאראביע. מיר האבן געבעטן דעם קאארד. קאמ. פארן קאמפיין פון זיג דעלעגירן צו אונדז א פאר דעלעגאטן איבערצונעמען דאס געלט. דאס איז די טעטיקייט פון דער גרופע בעסאראבער.

יעצט וויל איך אביסל אויסדריקן מיין פרייד צוליב דער באפרייאונג פון בערלין.

ס׳איז ניט פאראן קיין גרענעץ פאר דער פרייד וואס ט׳אונדז אלעמען באהערשט. אונדזער פרייד איז אזא גרויסע אז מיר זיינען אלע אזוי באגייסטערט מיט דעם גרויסן פעלקער יאנטעוו און דער גרעסטער יאנטעוו פאר אונדזער יידיש פאלק דער פריילעכסטער און אויך טרויעריקסטער יאנטעוו וואס וועט אריינגעשריבן ווערן אלס א ניי בלעטל אין דער יידישער געשיכטע..

פריילעך איז בא אונדז, וויסנדיק אז מיר זיינען פאטער געווארן פון דעם גרעסטן סוינע פונעם יידישן פאלק און דאס רעשט איבערגעבליבענע יידנטום וועט אין דער נייער, פרייער וועלט קענען ווידער אופבויען די פארלאזטע היימען און דאס יידישע לעבן. טרויעריק, איז אונדזער יאנטעוו געווען ווען יעדער פון אונדז האט נאר א טראכט געטאן, אויב מיר האבן זיבן מיליאן קארבאנעס, האט עס באשטימט געטראפן יעדער פאמיליע. ווען ניט קיין טאטע מאמע איז א שוועסטער, א ברודער. אבער א מענטש איז שטארקער פון אייזן. און טראגט אלץ אריבער.

עס איז געקומען דער גרויסער טאג פון פולשטענדיקער קאפיטולאציע פון די נאצישע בארבארן, נאכדעם ווי מען האט זייער נארע צעבראכן. זיי האבן אפילע געזוכט א פלאץ זיך צו צעלויפן. אבער פאר אזעלכע איז קיין פלאץ ניט פאראן אין דער פרייער וועלט. זיי מוזן אף זייער אייגן לייב און לעבן פילן דאס וואס אנדערע האבן געפילט.

מיר האבן דאך דערלעבט דעם טאג פון פרידן און די פרייד איז בא אונדז נאך שטארקער וויסנדיק אז עס גיסט זיך מער נישט קיין אומשולדיק בלוט און עס ברענען ניט מער די אויוונס, וו מען ברענט אומשולדיקע מענער, פרויען און קינדער. אז דער קאשמאר איז פארביי און אלעס איז ווי א כאלעם פארביי אופכאפנדיק זיך פון דעם כאלעם זעען מיר א נייע פריילעכע וועלט מיט בעסערע פערספעקטיוון צום לעבן. אלע פעלקער צוזאמען מיט זייערע נאציאנאלע פאנען אף די גאסן מען גיט איבער יעדער נאציאנאלן הימן און יעדע נאציע זינגט מיט א פריילעך הארץ. און מיר, יידן מוזן זיך אוואדע פרייען. מיר טארן אבער ניט פארגעסן אז עס ליגט אף אונדז דער כויוו אויך ניט צו פארגעסן אין אונדזער אלטער היים וו מיר האבן אונדזערע יונגע יארן פארבראכט.

יעצט גייען מיר אן מיט א קאמפיין פון 5.000 פעזעס פאר אונדזערע שוועסטער און ברידער. אף דעם כעזשבן האבן מיר געמאכט איניקע אונטערנעמונגען וואס האבן אונדז אריינגעבראכט א שיינעם פארדינסט. עס קאן אויך אריינגערעכנט ווערן דער לעצטער לונטש וואס מיר האבן געמאכט צוליב דעם פאלן פון בערלין וו מיר האבן שיין פארבראכט אין א היימישן אמביענט פון בעסאראבער און זיך אביסל דערמאנט אין אונדזער היים.

מיר האפן אינגיכן צו האבן א קאנטאקט מיט בעסאראביע און מיר האפן אין י ו ל י אפצושיקן דעם ערשטן טראנספארט. מיר וועלן זיך אבער פריער צונויפרעדן מיט אייך.

**לייב יאסעם.**

---

# דער צוריקאופבוי פון די כארעווע געווארענע היימען

מיט א גרויסער אָנשטרענגונג האָט די סאָוועטנרעגירונג זיך באַמיט און געטאָן אַלדאָס מעגלעכע צו עוואקואירן די ציווילע באפעלקערונג און ספּעציעל די יידישע פון די געגנטן וואָס זיינען באדראָט געוואָרן דורך דער נאַציִשער רויב-כאַיע. נישט קוקנדיק אף די גרויסע מילכאָמע-היצטאַרכעסן האָט דאָך די חאַטנמאַכט געדענקט אָן אירע ציווילע בירגער און געשטעלט צו זייער דיספּאָזיציע באַנען און קאַמיאָנען קעדיי זיי זאָלן קאָנען ווייטער פאָרן אין הינטערלאַנד.

אָט די יעדיע האָב איך באַקומען פון מיין אַלטער מאַמען און מיינעם א ברודער וואָס זיינען פון קעשעניעוו עוואקואירט געוואָרן קיין טאַשקענט אין ווייטן מיזרעך. און דער געניאַלער פירער פון די סאָוועטישע פעלקער מאַרשאַל סטאַלין האָט מיט זיין גרויסן אָרגאַניזאַטאָרישן כוש פארשטאַנען צו באַזעצן די פליכטלינגע אף אזא פּלאַץ וואָס זאָל זיין ווייט פון וועלכער ניט איז מילכאָמע-אָפּעראַציע. און אזוי ארום זיינען אסאך פון אונדזערע ברידער און שוועסטער די דירעקט באדראָטע פון נאַציזם געראַטעוועט און איינגעאָרדנט געוואָרן אף א פּלאַץ וואָס איז געווען אויסער יעדער געפאַר. א געוויסער טייל פון דער באפעלקערונג איז געבליבן אין די וועלדער און זיך אָנגעשלאָסן אין די פּאַרטיזאַנען. און איצט, ווען נישט נאָר די סאָוועטישע ערד איז באַפרייט געוואָרן פון באַרבאַרישן נאַציִשן יאָך, נאָר ווען די סאָוועטישע אַרמייען צוזאַמען מיט זייערע אַליִאירטע גייען פאָרויס ווי באַפרייער פון אַלע אונטעריאָכטע פעלקער און ווען דער טאָג פון אַנטגילטיקן ניצאָכן איז געקומען איז נויטיק צו טראַכטן וועגן צוריקבויען און צוריקאיינאָרדענען די ציווילע באפעלקערונג אף זייערע אַלטע וווינערטער.

אָבער די היימען זיינען צעבראָכענע, דאָס האָב און גוטס איז צעראַבירט געוואָרן. די וועלכע האָבן אין דער צייט פון דער אָקופּאַציע אנטיילגענומען אין פּאַרטיזאַנען אָדער זיך אויסבאַהאַלטן אין די וועלדער, זיינען שוואַך און קראַנק, אָן קליידער און א דאַך איבערן קאָפּ.

איז מער ווי יוישערדיק, אַז מיר, די וואָס לעבן רואיק אין אינדזער צווייטן פאָטערלאַנד, דעם דעמאָקראַטישן אורוגוויי, זאָלן העלפן אופבויען אונדזערע אַלטע היימען.

ערשט ניט לאנג האָבן מיר דאָך שפּאַצירט אף די פּרעכטיקע בולוואַרן און פאַרקן פון קעשעניעוו אָדער אַנדערע שטעט אין בעסאַראַביע. דאָן אָבער האָט נאָך דאָרט געבושעוועט די רעאַקציע און דער אַנטיסעמיטיזם. היינט, ווען אונדזער בעסאַראַביע איז אָנגעשלאָסן אין דעם ראַטנפאַרבאַנד, אווו ס׳איז נישט פאַראַן קיין אַנטיסעמיטיזם און קיין ראַסן-האַס, און לאָמיר האָפן אַז אומעטום וועט דער אַנטיסעמיטיזם געשטעלט ווערן אויסערן געזען, איז אונדזער כויוו צו זאַמלען וואָס מערער קעדיי צו העלפן דעם צוריק-אופבוי פון דאָס כאָרעווע געוואָרענע, קעדיי אונדזערע נאָענטע זאָלן קאָנען וואָס גיכער קומען צוריק צו זיך אַהיים און בויען א נייַ לעבן.

עס דאַרף פאַר יעדן פון אונדז זיין א סאַטיספּאַקציע, א נאַכעס רועך **אָנטיילצונעמען אין אַזאַ וויכטיקן און בעעמעס היסטאָרישן קאַמפּיין ווי עס איז דער איצטיקער קאַמפּיין פון די הונדערט טויזנט פּעזעס.**

זאָל יעדער פון אונדז אף איין מינוט א טראַכט טאָן וועגן זיינע פריינט, באַקאַנטע און כאַווירים און ער וועט זיכער נישט וואַרטן מען זאָל צו אים קומען נעמען די באַשטייערונג, נאָר ער וועט אַליין איר אַריינטראָגן אין לאָקאַל פון אונדזער בעסאַראַבער פאַרבאַנד.

און געבן דאַרף יעדער לויט זיינע מעגלעכקייטן. איצט איז נישט דער מאָמענט אָפּצוקומען מיט א קלייניקייט. ניין! דער כורבן איז גרויס און גרויס דאַרף זיין אונדזערביישטייער. זאָל יעדער איינער האַלטן פאַר א קאָוועד צו שטיין אף דער ליסטע פון די ביישטייערער מיט וואָס א גרעסערער סומע.

לאָמיר זיך אָפּרופן ווירדיק אפן רוף פון אונדזערע ברידער און שוועסטער.

לאָמיר זיי ענטפערן אזוי ווי זיי האָבן זיך דאָס פאַרדינט. לאָמיר זיי אָפּצאָלן כאָטש מיט מאַטעריעלער הילף פאַר דעם בלוט וואָס זיי האָבן פאַרגאָסן נישט נאָר פאַר זיך נאָר אויך פאַר אונדז ווי פאַר דער גאַנצער מענטשהייט.

זאָל דער לאָזונג פון קאַמפּיין פאַרווירקלעכט ווערן. — הונדערט טויזנט פּעזעס פאַר די באַפרייטע געביטן און לעבנגעבליבענע יידן.

קלאַראַ באַנדאַר דע בראַם

זילבערן
ניקלען
סאַמאָוואַרן
לעפלען
גאָפּל אאוו.
נ אָ ר ב אַ
מאַרקוספעלד
Cuñapirú 1787, casi Justicia
Teléfono 2 76 52 Montevideo

בעסאַראַבער לאַנדסלייט! —
— שליסט זיך אָן אין אייער פאַריין
ווערט מיטגלידער !

סאַראַ יודייקין

# זיינען זיי דען ניט אונדזער אייגן בלוט און פלייש...

כאָשעווע בעסאַראַבער!

ווער קען פאַרגעסן אונדזער אַלעמענס פרייד, ווען אונדזער טייערע היים איז אַרויסגעריסן געוואָרן פון סוינעס נעגל!

יעדעס האַרץ האָט אויפגעצאַפּלט פון פרייד! אָבער באַלד איז געקומען די פראַגע; צי האָבן טאַקע די רומעניש-דייטשע ראָצכים דורכגעפירט זייער פּלאַן, אַזוי ווי זיי האָבן געהאַט געמאָלדן, אַז בעסאַראַביע איז „יודנריין"? און דאָס האַרץ האָט זיך ווידער אָנגעפילט מיט ווייטיק, ווייל צו אונדזער גרויסן אומגליק האָבן זיי זייער פּלאַן דורכגעפירט. אָבער „יודנריין" איז בעסאַראַביע נישט!

אַדאַנק דער באַזונדערער הילף בא דער עוואַקואַציע פון דער רויטער אַרמיי האָבן זיך געראַטעוועט טויזנטער פון אונדזערע ברידער און שוועסטער און איצט קערן זיי זיך שוין אום צוריק אַהיים. זייער לאַגע איז אָבער אַ שרעקלעכע; קראַנקע, צעבראָכענע און אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ.

קענען מיר בלייבן גלייכגילטיק צו זייערע ליידן? זייען דען זייערע ליידן ניט אונדזערע? זיינען מיר דען ניט קיין טעכטער און שוועסטער פון לעבנגעבליבענע וואָס קוים די נעשאָמע האַלט זיך אין זיי? זיינען זיי דען נישט אונדזער אייגן בלוט און פלייש?

און אויף דעם איז פאַראַן נאָר איין און איינציקער ענטפער; זען אויף עפּעס כאָטש פאַרגרינגערן זייערע ליידן! און אָט דערפאַר האָט דער בעסאַראַבער לאַנדסלייט פאַריין פּראָקלאַמירט אַ קאַמפּיין פאַר 5.000 פעזעס. מיר האָבן שוין באַזוכט אַ טייל פון אונדזערע מיטגלידער און זיי האָבן זיך זייער שיין אָפּגערופן. אונדזער פאַרוואַלטונג באַמיט זיך מאַכנדיק די גרעסטע אָנשטרענגונגען אַז דער קאַמפּיין זאָל האָבן דעם דערפאָלג וואָס ער פאַרדינט. אָבער דערצו איז נייטיק די מיטאַרבעט און שטיצע פון אַלע בעסאַראַבער יידן אין אורוגוויי!

ווער וועט בא זיך פּועלן צו בלייבן פונדערווייטנס אין אַזאַ מאָמענט, ווען יעדער איינער קען זיין אַ שותּף באַם ווידעראויפריכטן דאָס לעבן פון אונדזערע אייגענע אין בעסאַראַביע?

---

# בעסאַראַבער לאַנדסמאַנשאַפטן-קאָנפערענץ אין אין נאָרד-אַמעריקע באַשליסט צו שאַפן 750 טויזנט דאָלאַר הילף

## נאַציאָנאַלע קאָנפערענץ גרינדעט בעסאַראַבער פעדעראַציע פון אַמעריקאַנער יידן — נעמט אָן רעזאָלוציע פאַר יידישע קאָמאַנוועלט. — שיקט באַגריסונג צום יידישן אַנטי-פאַשיסטישן קאָמיטעט אין מאָסקווע

ניו יאָרק, פעברואַר. — די ערשטע נאַציאָנאַלע קאָנפערענץ פון בעסאַראַבער יידן אין אַמעריקע איז פאָרגעקומען זונטיק, דעם 21-טן יאַנואַר, אין צענטראַל-פּלאַזאַ, ניו יאָרק. עס איז געווען אַ קאָנפערענץ פון בעסאַראַבער פאַרבאַנדן איבערן לאַנד און גרעסערע הילפס-אָרגאַניזאַציעס פון בעסאַראַבער לאַנדסמאַנשאַפטן.

די קאָנפערענץ האָט באַשלאָסן צו ענדערן דעם נאָמען אויף „בעסאַראַבער פעדעראַציע פון אַמעריקאַנער יידן".

די קאָנפערענץ האָט אָנגענומען פאָלגענדע רעזאָלוציעס:

1) פאַר אָפּשאַפן דאָס ווייסע פּאַפּיר, דערעפענען די טויערן פון ערעץ יִיסראָעל פאַר אַ פרייער יידישער עמיגראַציע און עטאַבלירן אַ יידישע קאָמאַנוועלט אין גייסט פון דער באַלפור-דעקלאַראַציע, און אָנערקענען די יידישע אַגענטור פאַר דער אויסשליסלעכער רעפּרעזענטאַנץ פאַר דעם אויפבוי פון אַ יידישער היים-לאַנד אין ערעץ יִיסראָעל.

2) באַגריסן די רויטע אַרמיי פאַר איר העלדישקייט און אירע גרויסע זיגן איבער דעם בלוטיקן סוינע פון דער מענטשהייט.

3) באַגריסן פּרעזידענט רוזוועלט צו זיין פערטן טערמין און ווינטשן אים דערפאָלג אין זיין אַרבעט פאַר זיכערן דעם וועלט-פרידן, ווי אויך העלפן רעהאַביליטירן די רעכטן פון יידישן פאָלק.

4) באַגריסן און אָנערקענען דעם יידישן אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט אַלס פאָרשטייער פון יידנטום אין סאָוועט-רוסלאַנד, ווי אויך דעם העראָיזם, וואָס די יידן

---

**בעסאַראַבער לאַנדסלייט! —**
**שליסט זיך אָן אין אייער פאַריין —**
**ווערט מיטגלידער!**

האָבן בייגעשטייערט אין קאַמף קעגן נאַציזם און פאַשיזם אין דער איצטיקער מילכאָמע.

5) די קאָנפערענץ פאַרזיכערט צו שיקן באַלדיקע הילף צו די בעסאַראַבישע שטעטלעך אין שפּייז און קליידער דורך דעם יידישן ראַט פאַר מילכאָמע־הילף אין 1945 פאַר 250 טויזנט דאָלאַר, און די פעדעראַציע וועט אָנגיין מיט דעם קאַמפּיין פאַר שאַפן אַ האַלבן מיליאָן דאָלאַר פאַר דער רעהאַביליטאַציע פון יידן אין בעסאַראַביע, כדי באַלד ווי די מילכאָמע וועט זיך ענדיקן צו קאָנען ווידער אופבויען דאָס כאָרעווע יידישן לעבן אין בעסאַראַביע.

אין באַריכט ווערט געזאָגט, אַז אין די לעצטע זעקס כאַדאָשים האָבן די פאַרבאַנדן פון דער בעסאַראַבער פעדעראַציע געשיקט 120.000 פונט קליידער און שפּייז־פּעקלעך צו די בעסאַראַבישע שטעטלעך.

די קאָנפערענץ האָט אויסגעוויילט דעם נאַציאָנאַלן קאָמיטעט, ווו עס גייען אַריין: סאַול סערוויץ, נאַציאָנאַלער פרעזידענט; אַל שעפער, וויצע־פאָרזיצער, מאָריס מעלצער, פאָרזיצער פון ראַט; י. מאַלעסטער, קאַסיר; ר. גרינבערג פּראָ־קאַסירער; וו. זילבערמאַן, עקזעקוטיוו־סעקרעטאַר; דאָוויד סעלצער, נאַציאָנאַלער סעקר. די וויצע פרעזידענטן זיינען: לעאָ גאַרפילד, וו. קויפמאַן, ה. שילער, מ. פינטשעווסקי, ב. ראָזענטאַל, י. וואָלמאַן, אַ. טריסטמאַן, ראָוז סערוויץ און עדקאַ סעלצער. פון אויסער ניו יאָרק: ש. מאַסאַמעד, פיטסבורג; פראַנק אַ. וויינשטיין, וואַשינגטאָן; י. ליפשיץ און בערטאַ האָניקמאַן, פילאַדעלפיע; סעם וואַלדמאַן סיראַקיוז.

אין אַדמיניסטראַטיוון ראַט: מאָריס מאָרגענשטערן, אַלעקס קאָהען, י. סעגאַל, מוישע שיפּרים, ראָוז שוואַרץ, מר. שיידעל, ב. קאָטלער, דזש. שניידער, א. שטיין, מ. באָיקעס, ב. פיוניק, ה. קרופּניק, ע. סלוקעס, ל. סווערדליק, מאָריס סוועדער, י. באָרנשטיין, מאָריס היימאַן, י. אָקסנהאָרן און נאַט. שאַפּיראָ. סעקרעטאַרן — יוליאַ קאָהען.

אין ראַט: פאָרזיצער הרב דר. א. ווערטהיים, מוישע בערמאַן, הרב מ. שוכטמאַן. סעקרעטאַר, עדיט סולקעס און אַנד.

עקזעקוטיוו־דירעקטאָר יויסעף מאָריסאָן.


Gregorio Perelman

Fábrica de pañuelos y artículos de tienda en general. Ventas por mayor

★

San Fructuoso 1779 Montevideo


זאָל לעבן די באַפרייטע בעסאַראַביע!


Instalaciones Eléctricas en general únicamente con materiales de primera calidad

**JOSE SCALANSKY**

Autorizado U.T.E.

Justicia 2245 Teléf.: 25218

DONACION
M. H.

DONACION
B. y Y.

Gran Taller de Obras Funerarias

**"JERUSALEM"**

**ISRAEL SINGER**

☆

Máquinas modernas para la construcción de Tumbas, Lápidas y Monumentos. :: :: Trabajos firmes y duraderos en mármol, granito y monolíticos :: Pida presupuesto
**Calle del Cementerio La Paz esq. Luisa**

**Dora Maciel. Dpto. Canelones**

**Teléfono La Paz 22 00 00 Síinger 127**


בעסאַראַבער יידן!

פעלט ניט אויף דער פאַרזאַמלונג, זונטיק דעם 24־טן ד. מ. 3.30 נ. מ. אין אונדזער אייגענעם לאָקאַל.

# Mis Impresiones Sobre la Asociación Besarabiana

Por ser uno de las muchas personas que han sido invitadas por el "Comité Besarabiano", con el fin de colaborar en la campaña de ayuda a los sobrevivientes de nuestros hermanos de Besarabia, y por tratarse de una obra de tan imperiosa necesidad, decidí gustososamente hacer todo lo que está a mi alcance para ver coronado con todo éxito nuestra labor.

Lo que si, es de lamentar que han sido muy pocas las personas que se han ofrecido para cooperar en esta obra, no puedo concebir que los Besarabianos del Uruguay no comprendan la importancia de esta campaña.

En calidad de mis funciones, he tenido oportunidad de asistir a varias sesiones y el deber mío es informar a todos los Besarabianos mis impresiones sobre todo lo que he visto.

Ante todo, debo destacar que el trabajo que se está cumpliendo es admirable, sobre todo tomando en cuenta en qué circunstancias se organizó el Comité, pues entonces debe reconocer que el progreso del mismo es francamente muy significativo.

Además, he podido constatar que la obra ya realizada por la Comisión, es de tanto valor, que merece ser aprobada con grandes elogios por todos los Besarabianos.

También deseo mencionar especialmente la actividad de algunas damas que figuran en la Comisión y por su magnífica colaboración merecen también un sincero aplauso pues son ellas las que cumplen su misión sin reparar en sacrificios, abandonando muchas veces el trabajo de casa, como también privándose del descanso tan indispensable, para poder servir a la misma causa.

Respecto al movimiento de ayuda a los sobrevivientes de nuestros hermanos de Besarabia, creo que es un deber humano de cada uno de nosotros hacer todo lo posible por ayudar a esas víctimas del vandalismo nazi. Por esto apelo a la generosidad de todos los judíos Besarabianos del Uruguay, para que contribuyan a aliviar la trágica situación que padecen nuestros hermanos.

Es menester obrar con toda rapidez, pues solamente así nuestra ayuda llegará a tiempo.

Gracias a nuestra intensa actividad, ya hemos adelantado mucho en nuestra labor, pero para que nuestra obra se acerque a un feliz término, es necesario y también es de desear que todos los Besarabianos, socios o no socios, reciban bien a nuestros activistas. Con vuestra generosa ayuda obtendremos un éxito completo tanto moral como material, pues así estaremos en gran parte en condiciones de disminuir en cierto modo los sufrimiento de nuestros hermanos.

Con la seguridad de nuestro triunfo, formulo votos por el bienestar de todos los Besarabianos del Uruguay. — **M. J.**


**Jacobo Bialer**

Fábrica de Corbatas, Pañuelos, Bufandas y Anexos. Siempre últimas novedades
Importación directa de sedas

★

**Plaza Zabala 1409, esq. Wáshington**
**Teléfono 9.00.54** **Montevideo**

**ROBERTO CHIGINO**

IMPORTACION

Juguetería, Bazar y Menaje
Artículos para Fiestas y Carnaval

**Uruguay 990** **Teléf.: 8 56 67**

**JOYERIA KLANG**

Taller de Precisión atendido por su dueño

Trabajos en Oro y Platino

☆

**Pérez Castellanos 1457 y 1461,**
casi 25 de Mayo Tel. 9 09 03

FOTOGRAFIA Y CUADRERIA

— de —

LEON JUSIM

Calle Rivera 2014 Montevideo

Zapatería y Fábrica de Calzados

LA MODERNA

Rivera 2058 Bis

casi Pablo De María Montevideo

DONACION

A. J. y Cía.

Peletería Metro

de BARIL y SVIRSKI

Especialidad en Medidas. Curtido y Teñido
Surtido en pieles finas. Precios sin
competencit

Calle Cuareim 1307, frente al Cine Metro

Teléfono 8.84.78 Montevideo

Mueblería Palestina

de JOSE DOBROVSKI

Gran surtido en Dormitorios, Comedores,
y Livings. Se lustran y arreglan muebles
a domicilio

Guadalupe 1827, a 1 cuadra de G. Flores

Teléfono 2.40.68 Montevideo

CASA DE SANDWICHES

CONFITERIA FIAMBRERIA

"AL BUEN GUSTO"

De S. Schneider

Casa Especial en Sandwichs para clubs,
casamientos y fiestas. Se lleva a
domicilio

Colonia 2267 Teléf. 4 95 95

Boris Bakalarz

BAZAR

Ferretería — Pinturería — Juguetería

☆

Sierra 1752, esp. Paysandú Tel. 47271

PARA SUS FIESTAS:

Equipos Sonoros; Tubos Fluorescentes; Artefactos Eléctricos :: ::

LA ARMONIA

ELECTRICIDAD

Por Presupuestos, solicite nuestro técnico
Precios convenientes

25 de Mayo 685 entre B. Mitre y Juncal

Teléfonos: 8 89 69 — 8 20 55

# RECONSTRUCCION

**Organo Oficial de la Asociación de Israelitas Besarabianos en el Uruguay**

**Año I** | **Montevideo, Junio de 1945** | **N.o I**


## בעסאראבער לאנדסלייט-פאריין

**Julio H. y Obes 1122 - Montevideo**

## זונטיק דעם 24-טן יוני פונקט 3,30 אזייגער נ. מ.

## קומט פאר אן אלגעמיינע

# מיטגלידער פארזאמלונג

באַ אונדז אין לאָקאַל אַף כוליאָ הערעראַ אי אָבעס 1122

## טאג ארדנונג

1) וואַלן פון אַ פרעזידיום
2) באַריכטן
3) טראַנספּאָרט
4) וואַלן פון אַ קאָמ. דירעקטיווע

קיין איין מיטגליד און באַשטייערער טאָר נ י ט פעלן אַף דער וויכטיקער

פ אַ ר ז אַ מ ל ו נ ג !

די קאָמיסיאָן דירעקטיווע


Imp. Universal, Florida 1152